# UCLA

## Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

### Title

Khesbn no. 144 - Autumn 2004 - Journal

### Permalink

https://escholarship.org/uc/item/5fq8d1pb

### Journal

Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 144(1)

### Author

Admin, LAYCC

### Publication Date

2004

### Copyright Information

Copyright 2004 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library University of California

# חשבון

פעריאָדישע שריפט פאַר ליטעראַטור
און קולטור־פּראָבלעמען

אַרויסגעגעבן פון
**לאָס אַנדזשעלעסער יידישן קולטור־קלוב**

# 144

## לשנה טובה תכתבו ותחתמו

**אַלע אונדזערע אַבאָנענטן,
לייענער און מיטאַרבעטער
ווינטשן מיר אַ יאָר פון געזונט,
גליק און שלום.**

***רעדאַקציע און פאַרוואַלטונג פון "חשבון"***

**האַרבסט
תשס"ה**

**AUTUMN
2004**

# אינהאַלט

ד. וואָלפּע: ליד ........ 3
מ. בן שלמה זאב (וואָלף): מאי קאָ משמע לן דער מגן דוד ........ 5
ח. קיעל: לידער ........ 9
מ. שקליאַר: ליד ........ 11
ל. מייזנער: צום הונדערטסטן געבוירן־יאָר פון באַשעוויס־זינגער ........ 12
מ. אייזנבוד: ווען עס קלינגט דער טעלעפאָן... (דערציילונג) ........ 15
פּ. פלאָטקין: לידער ........ 21
מ. וואָלף: חנה סענעשס "געבענטשטע ליכט" איז נישט פאַרלאָשן געוואָרן ........ 23
י. שרת: ליד (פון עברית - לייב באַראָוויק) ........ 29
עדנאַ סט. ווינסענט מילעי: ליד (פון ענגליש - מ̣שה שקליאַר) ........ 30
עדריען ריטש: ליד (פון ענגליש - משה שקליאַר) ........ 30
א. שפּירא: חנהלע (דערציילונג) ........ 31
ב. בריקס קליין: מיין טאַטע ירחמיאל בריקס ........ 41
מ. ש: אלישבע כהן־צדקס מע̣נטשן און בלומען ........ 45
א. כהן־צדק: פּאָזומקעס אין פּאָנאַר ........ 47
ע. פישבין: דער מאָלער פון אינסטינקט ........ 48
ש. סימכאָוויטש: לידער ........ 52
ר. צוקערמאַן: יידיש־לשון און ... דייטשן ........ 53
פ. פורטנוי: פון ישראלדיקן טעאַטער ........ 57
פּ. פלאָטקין: דאָרט ווו עס פליסט די בערעזינאַ ........ 59
* אָנגעקומען אין רעדאַקציע ........ 61
כראָניק פון ל.א. יידישן קולטור־קלוב ........ 36
באַגריסונגען ........ 65

HESHBON
*PERIODIC LITERARY REVIEW*
8339 West Third Street • Los Angeles, Calif. 90048

EDITORIAL BOARD:

**MOSHE SHKLAR**, Editor
469 N. Orlando, L.A., CA 90048

**ISRAEL GUBKIN**
Co-editor

ADMINISTRATIVE COMMITTEE

**JACOB LEWIN**,
6365 Orange St. CA 90048 - Tel. 323 939 7379

Members: **L. MEISNER, Z. MALEVITZ, N. STEINMAN, J. SOSKI**

**משה שקליאַר:**
רעדאַקטאָר

**ישראל גובקין:**
מיטרעדאַקטאָר

# חשבון
**נום. 144**

**פעריאָדישע שריפט**
פאַר ליטעראַטור און
קולטור־פּראָבלעמען

פאַרוואַלטונג מיטגלידער:
**יעקב לעווין, פאַרוואַלטער**
**זעלדע מאַלעוויטש**
**לילקע מייזנער**
**יוסף סאָסקי**
**נתן שטיינמאַן**

**59־ער יאָרגאַנג, נומער 144 • האַרבסט 2004 • לאָס אַנדזשעלעס, קאַליפ.**

דוד וואָלפע / יאָהאַנעסבורג

## ווערטער מאַמע־לשונדיקע

מיט ווערטער יידישע שפּיל איך זיך
טאָג און נאַכט. זיי פליען אָן צו מיר
אומגעריכט און פריש, ווי אַ מאָל אין
סאָד ווען אַ דופּטיק ווינטעלע פלעגט
טאָן אַ בלאָז מיר אין געזיכט און
מאַמע־לשונדיקע ווערטער פלעגן זיך
צעבליען. זיי האָבן באַקלינגלט מיין
געזאַנג פון אַ יונג־לוסטיקן גאַנג
און דער מאַמעס פּנים האָט געשיינט.
און ביים ברעג פון גרין־זומערדיקן
באָרער וואַלד האָט מיט אַ שקאַרמוץ חלום –
יאַגדעס אַ יונגער גאָט אויף מיר געוואַרט.
האָב איך צו אים אויסגעדאַוונט פון מיין
סידור לשון־קודשדיקע שירה און יידיש –
תפילהדיקע לידער. אין בלאָען גלאַנץ פון
אויבן האָבן יידישע מלאכימלעך זיך
געשפּילט אונטער ביאַליקס גרינינקע
ביימעלעך - - און אונטן, אוי־וויי,
האָט זיך אַ שוואַרצער תהום געעפנט.
אַ פייער־מבול האָט געטאָן אַ פליוכע
איבער דורותדיקע יידישע קעפּ און
ס'האָט געברענט דער פּאָרכטיקער שם
אין מיין ליטעהיים. און אויף מיין
לייב האָט געפלאַקערט ס'לעצטע העמד

אויפגענייט מיט די געטרייע וואָרעמע
הענט פון מיין גוטער מאַמען. אַ פֿאַנצער
ווערט מאַמעס פּייערהעמד און זי טראָגט
מיר אַרויס אויף אירע פֿאַרשרפֿעטע הענט
צום זוניק פרייען דרויסן וואָס בלענדט
אין אויג מיט אַ נייע ליד - - -
און ווידער שפּיל איך זיך מיט ווערטער
יידישע, פון בראַנד פֿאַרסמאַליעטע ווי איך.
אַלט־באַנייטע און פֿאַרשוויגענע זיי פליען אָן
קריק אין מיין מאָנטשינק פֿאַנטאַסטישן יידיש
ווינקעלע, וואָס איך האָב אין האַרצן אויפגעבויט
פֿאַר זיך. און אָט די ווערטער פֿאַררויכערטע
ווערן אייביק פֿלאַפלען מיט די פֿאַרברענטע
צינגעלעך פון יידישע יינגעלעך־מיידעלעך
און בייגן די אותיות־קעפּעלעך זיי לזכר.
פון אויגן קינדערשע הייסע טרערן רעגענען
אין אַ שוואַרצן תהום. זע, אונטער אויסגעשרפֿעטע
אַמאָליקע גרינינקע ביימעלעך קלינגען זיסע
שטימעלעך פון פֿאַרשטומטע מלאכימלעך, וואָס
רייסן איין די חומשדיקע הימלען פון בראשית.
- - און היינט פון די חורבות בין איך דאָ
אָנגעקומען מיטן אַמאָל־אַמאָליקן רבין. מיט
ציטעריקע קני בלאָנקע איך אין וויינגאָרטן
פון לערנען און אַ שאָטן טייטלט מיר די פסוקים.
דעם נביאס קול יאָגט אָן אָן אַ קול, אין מיר:
מה אעשה לכרמי? - - און עס ווערט דער נביא
אַ גרויסע דורותדיקע יידישע טרער. איך גיי
אַריין אין טרער. זי ווערט מיין יידישע הויט.
הענגלעך טרויבן מיט טרערנזאַפט געפילט ציען
זיך צו מיר. און ווידער שפּיל איך זיך מיט
ווערטער טרעריקע. יידישע. פראָסט־קערנדיקע.
און ווידער בליט אַ יונגער חלום פון אַמאָל
אין מיין צעווינטיקטן ווייס־שוואַרצן שויבער,
עס איז געווען דער גלויבן ריינער פון מיין
דור. און איך ווי זיי, אַ פֿאַרברענטער, זינג
מאַמע־לשונדיקע לידער. זינג, אוי־ווי - -

יום־כיפור תשס״ג
16 סעפּט׳ 2002

משה בן שלמה זאב (וואָלף)

# מאי קאָ משמע לן דער מגן דוד – (וואָס זשע לאָזט ער אונדז צו הערן)



איך בין זיכער, אַז אין אונדזער צייט איז ניטאָ קיין איין ייד (און נישט ייד), אַפילו – קיין איין שונא ישראל – וואָס זאָל נישט זיין באַקאַנט מיט דעם זעקס־עקיקן שטערן. ער איז ניט ווייניקער פאַרשפּרייט ווי, להבדיל דער קרייץ. נאָך מער, אין אַלע צייטן האָבן אונדזערע שונאים אָנגעהויבן די רדיפות און יידן־פּאָגראָמען מיט שענדן און אומווערדיקן דעם מגן דוד.

אין סוף אַפּריל 1991, גרייטנדיק זיך צום דורכפירן אַ פּאָגראָם־אַקציע אין די הינטער־מאָסקווע דאַטשע־שטעטלעך, האָבן די שוואַרץ־מאהדיקע קוריערן פון דער "פּאַמיאַט"־באַוועגונג געצייכנט אויף די טירן פון יידישע דאַטשעס זעקס־עקיקע שטערנס – אָריענטירן פאַר די רוצחים, וועלכע האָבן באַדאַרפט חרוב מאַכן די דאָזיקע הייזער. אויך אין אונדזערע טעג, אין פאַרשיידענע לענדער (בתוכם אויך אין אַמעריקע) בעת דער פאַרשוועכונג פון יידישע מצבות, שילן און אַנדערע הייליקייטן, פאַרשמירן די מחבלים מיט שמוציקע פאַרבן, קודם־כל, די מגן דוד אינקרוסטאַציעס און אָפּצייכענונגען.

באַנאַנד מיט דעם, ווייסט ווייניק ווער די היסטאָריע פון דער דאָזיקער פיגור, - פון וואַנען האָט זי זיך גענומען, און "וואָס לאָזט דער מגן דוד אונדז צו הערן"?

דער דאָזיקער בלויז באַרעכטיקט די ווייטער קומענדיקע שורות, געווידמעטע דער דאָזיקער טעמע.

דער מגן דוד (אין יידיש - דודס שילד) - אַ זעקס-עקיקער שטערן - איז אַ געאָמעטרישע פיגור - אַ העקסאַגראַמע, וועלכע באַשטייט פון צוניפגעלייגטע צוויי קאָנטראַווערסאַלע גלייכזייטיקע דרייעקן. (איינער פון זיי - "מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף").

די העקסאַגראַמע איז געווען שוין באַוווסט אין דער בראָנזעווער תקופה, ווען מען פלעגט זי אויסנוצן אין פאַרשיידענע דעקאָראַטיווע און אויך אין מאַגישע צילן. די אוראַלטסטע העקסאַגראַמע איז געפונען געוואָרן אין די פונאַנדערגראָבונגען פון צידון (לבנון), אין 7טן י"ה פאַר דער הײנטצייטיקער ערע - אַ שטעמפּל, וואָס האָט אָנגעהערט צו איינעם אַ ייד, יהושוע בן אַסיהו. אין דער עפּאָכע פון דעם צווייטן בית מקדש, איז די העקסאַגראַמע געווען פאַרשפּרייט אין ארץ ישראל סיי צווישן יידן און סיי צווישן זייערע ניט יידישע שכנים. דער אָרנאַמענט פון דער שיל אין כפר-נחום (2-3 י"ה פון דער הײנטצייטיקער ערע) איז געווען אויסגעמאָלן מיט העקסאַגראַמעס, וועלכע האָבן געדינט נאָר אַלס דעקאָראַטיווע עלעמענטן פון אַ פרעסקע. אַלס דעקאָראַציעס זענען די העקסאַגראַמעס געווען ברייט פאַרשפּרייט אין די יאָרן פון דער מיטל-הונדערטער ערע אין די מוסלמענישע און קריסטלעכע קאַנטן און אויך אין די תפוצות הגולה - צווישן יידן. אין די אַראַבישע לענדער האָט מען דעם זעקסעק באַצייכנט מיטן נאָמען "חותם שלמה" - "שלמהס שטעמפּל". דער תלמוד (גטין, דף 68, א-ב) דערקלערט, אַז שלמה המלכס שטעמפּל איז געווען אַ סימבאָל פון שליטה (הערשונג) איבער פאַרשיידענע שדים. אין זעקסטן יאָרהונדערט פון דער הײנטיקער צ"ר האָט מען אין קריסטלעכע קרייזן גענוצט דעם דאָזיקן שטעמפּל ווי אַ קמיע (אַן עמולעט). אָנהייבנדיק פון 13טן יאָרהונדערט באַווייזן זיך די העקסאַמעטערן, ווי אָרנאַמענטן אויף די מאַרגינעסן פון מגילות און ספרי-תורות, געשריבענע אין דייטשלאַנד און אין שפּאַניע. שפּעטער באַווייזן זיך "שלמה המלכ'ס שטעמפּלען" אויף די שיידלעך פון מזוזות. אין 1492 נוצט מען אויס "שלמהס שטעמפּל" אַלס אַ טיפּאָגראַפישע צייכן, באַזונדערס, אויף די ביכער, וועלכע האָבן זיך געדרוקט אין פּראָג, אין איטאַליע און אין נידערלאַנד. נאָר אין 16טן י"ה האָבן די "חסידי אַשכנז" (די אַשכנזער חסידים) אָנגעהויבן רופן דעם דאָזיקן שטעמפּל "מגן דוד" - דודס שילד" (דודס באַשיצער), אָנווייזנדיק, אַז דער דאָזיקער צייכן אויף דודס שילד פלעגט אים באַשיצן און צוגעבן מוט בעת די מלחמות, וועלכע ער האָט געפירט מיט זיינע שונאים. דודס זון, שלמה המלך, וועלכער האָט, אַדאַנק זיין דיפּלאָמאַטישן טאַלאַנט, קיין מאָל מיט קיינעם ניט מלחמה געהאַלטן, האָט דעם טאַטנס שילד געהייסן אויסגראַווירן אויף זיין פינגער-רינגל, וואָס ער האָט גענוצט ווי אַ שטעמפּל, מיט וועלכן ער פלעגט חתמענען אַלע אָפיציעלע מלוכה-דאָקומענטן, פּערזענלעכע בריוו און שאַפונגען.

אין סוף פון 17-טן י"ה האָבן די קבלה-אָנהענגער צוגעגעבן דעם מגן דוד אַ נייע באַדייטונג. זיי האָבן אָנגעהויבן אים טראַקטירן ווי אַ סימבאָל פון ביאת המשיח, באַזונדערס האָבן דעם דאָזיקן אויסדרוק אויפגענומען די אָנהענגער פונעם פאַלשן משיח שבתאי צבי.

די גרויסע פֿאַרשפּרייטונג פֿונעם מגן דוד אין 19־טן י"ה איז געווען פֿאַרבונדען מיט דער שטרעמונג פֿון די רעליגיעזע יידן אין די תפוצות צו געפֿינען אַן אַלגעמיינעם סימבאָל, וועלכער האָט באַדאַרפֿט אויסדריקן דעם תוך פֿון יודאַיזם, אַזוי ווי דער קרייץ - פֿון קריסטנטום. אין דעם דאָזיקן פּעריאָד ווערט דער מגן דוד אויסגענוצט אין אַלע רעליגיעזע און אָפֿיציעלע אונטערנעמונגען אין די יידישע קהילות פֿון אייראָפּע און פֿון דעם נאָענטן מזרח. עס איז אינטערעסאַנט צו באַמערקן, אַז דער גאונישער דייטשישער פּאָעט פֿון יידישן אָפּשטאַם, היינריך היינע האָט, אָנהייבנדיק פֿון 1840, אָנשטאָט זיין האַנטשריפֿטלעכן פֿאַמיליע־אונטערשריפֿט, געחתמעט אַלע זיינע אַרטיקלען אין דער "אַוגסבורגער אַלגעמיינע צייטונג' מיט אַ מגן־דוד צייכן.

בעת דעם ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס (1891) אין באַזעל איז דער מגן דוד אָנערקענט געוואָרן ווי דער סימבאָל פֿון דער ציוניסטישער באַוועגונג, און אויף די טאָוולען פֿון דעם ערשטן נומער פֿון טעאָדאָר הרצלס זשורנאַל "די וועלט" איז געווען אויסגעמאָלט דער מגן דוד.

דער יידישער היסטאָריקער און פֿילאָזאָף, פֿראַנץ ראָזענצווייג (1936-1886) האָט געגעבן דעם מגן דוד אַ באַזונדערע אינטערפּרעטאַציע, וועלכע ער האָט פֿאַרעפֿנטלעכט אין זיין מאָנאָגראַפֿיע "דער שטערן פֿון גאולה" (1921).

פֿראַנץ ראָזענצווייג לייגט אויס זיינע פֿילאָזאָפֿישע טעזיסן אין אָן אָנשוילעכער דיאַלעקטישער פֿאָרעם.

די הויפּט־טעמע פֿון זיינע אויספֿאָרשונגען איז דער תנ"ך. "ווי ס'איז באַוווּסטן - שרייבט ראָזענצווייג - הויבט זיך אָ דער חומש פֿון "בראשית ברא" - פֿון "וועלט־באַשאַף". דערנאָך קומט די "אַנטפּלעקונג" - דער דיאַלאָג פֿונעם באַשעפֿער מיט די אבות, מיט משהן, מיטן פֿאָלק ישראל אויפֿן באַרג סיני און מיט די נביאים. און פֿאַרענדיקט זיך מיט "אויסלייזונג".

דרך אגב, ס'איז נייטיק צו באַמערקן, אַז דער זין פֿון די העברעישע ווערטער "גאולה" און "אַחרית הימים" דריקן ניט אויס די "אויסלייזונג", אין אַזאַ פֿולער מאָס, ווי - די אידעע פֿון "דעם ניט פֿאַרענדיקטן סוף" - פֿון דעם העגעלישן באַגריף - "Aufhebung" - "אויפֿשטייגונג צו נייע הויכן".

פֿראַנץ ראָזענצווייגס געניאַלער געדאַנק באַשטייט אין דער מעגלעכקייט פֿאָרצושטעלן די דרייפֿאַכע ביבלישע טעמע: "וועלט־באַשאַף" - "אַנטפּלעקונג" - און "אויסלייזונג" - אין אַ ליניעאַלער סכעמע:

צום ערשטן אַנטשטייט די ליניע ______ "באַשאַף", דערנאָך די ליניע ______ "אַנטפּלעקונג" און צום סוף - די ליניע ______ "אויסלייזונג".

די דאָזיקע סכעמע האָט ראָזענצווייג פֿאַרוואַנדלט אין צוויי קאַנפֿיגוראַציעס פֿון דרייעקן, וועמענס איבערגעקערטע צונויפֿלייגונג פֿאָרמירט אַ זעקסעקיקן שטערן.

די ערשטע קאָנפֿיגוראַציע שטעלט מיט זיך פֿאָר אַ אוניווערסאַלע טריאַדע "גאָט", ______ "אַלוועלט", ______ און "מענטש" ______.

די צווייטע ביבלישע טריאַדע: "באַשאַף" ______ אַנטפּלעקונג ______ און "אויסלייזונג" ______.

אָן די קאָמפּאָנענטן פֿון דער צווייטער טריאַדע, וואָלטן די קאָמפּאָנענטן פֿון דער ערשטער - פֿאַרבליבן איזאָלירט, פֿאַרשלאָסענע אין זיך זעלבסט. אָבער די יידישע טריאַדע דערלויבט דעם באַשעפֿער (גאָט) זיין צונויפֿגעבונדן מיט דער אַלוועלט (באַשאַף) מיט דעם מענטש (אַנטפּלעקונג); און דעם מענטש - מיט דער אַלוועלט.

פון די דאָזיקע ליניעס באַקומען זיך די וויטערדיקע געאָמעטרישע פיגורן, וועלכע דריקן זיך אויס גראַפיש אין צוויי דרייעקן, באַשריבענע אין פראַנץ ראָזענצווייגס הקדמה צו זיין בוך "דער שטערן פון גאולה".




איצט, ווען מע לייגט אַרויף די "יידישע טריאַדע" אויף דער "אוניווערסאַלער", באַקומט זיך אַ זעקס־עקנדיקער שטערן - דודס שטערן - דער מגן דוד, - די עמבלעמע פון דער ישראל־מדינה, וועלכע איז ווידער אויפגעשטעלט געוואָרן אין צוואַנציק יאָר אַרום, נאָך דעם ווי פראַנץ ראָזענצווייג איז נפטר געוואָרן.




אַזוי אַרום האָט דער פאַרדינסטפולער און שוין, כמעט פאַרגעסענער, יידישער פילאָזאָף פראַנץ ראָזענצווייג, (וועגן וועלכן עס וואָלט געווען אַ יושר גדול צו פאַרעפנטלעכן אַ באַזונדערן עסיי), געגעבן, מעגלעך, אַ ריכטיקן ענטפער אויף דער פראַגע: מאי קאָ משמע לן דער מגן דוד, און צוזאַמען מיט דעם - אויך זיין אינטערפּרעטאַציע פון דעם באַגריף "יידנטום" און פון די באַציונגען צווישן "גאָט, מענטש און וועלט".

די פאַרוואַנדלונג פונעם מגן דוד אין אַ שאַנדצייכן, וועלכער האָט באַגלייט מיליאָנען יידן אין זייער וועג צום אומקום, האָט צוגעגעבן דעם זעקסעקיקן שטערן אַ נייעם זינען - איינהייט פון ליידן און האָפענונג.

די ישראל מדינה, שטרעבנדיק אויסצוקלייבן איר הערב - דעם אוראַלטן און אויטענטישן סימבאָל פון יידנטום - האָט אָפּגעשטעלט איר אויסוואַל אויף דער מנורה.

דעם מגן דוד האָט זי איינגעראַמט אין דער בלוי־ווייסער נאַציאָנאַלער פאָן.

הלוואי אויף לאַנגע יאָרן, אמן!

חנן קיעל

## אַן אָדע צו אַ רעפּטל ברויט*)

ברויט,
אויסגעוויקט אין טרערן, איינגעהילט אין שטויב,
כ׳וואַרט ביים פענצטערל, אַ בעטלער־טויב,
מיט הענט געפרוירענע, צעבלויט,
אויף אַ רעפטל ברויט.

כ׳בין היינט אין קאַלטן מיסט אַ הונגעריקער שפּערל;
נעם דיר מיינע ליבעס, קאַכיקע באַגערן,
מיט אַלץ וואָס כ׳האָב באַזונגען און געטרויט
פאַר אַ רעפּטל ברויט.

אויף וועגן שטעכיקע מיט פיס־געשוואָלן,
כ׳האָב אויסגעביטן היינט מיין צויבער חלום
פאַר אַ טעפּל וואַסער־זופּ מיט קרויט
און אַ רעפּטל ברויט.

ברויט,
פאַר דיר כ׳בייג מיין שטאָלצן קאָפּ,
אויף מיינע קני געבראָכענע כ׳לאָז זיך אַראָפּ;
ס׳בעט אַ קינד אין שאָטנטאָל פון טויט -
אַ רעפּטל ברויט.

ברויט
אין אויסגעטראַכטן גאָרטן וועל איך פויזן,
שענקען דיר אַ בוקעט זאַטע רויזן,
חלומען ביים ראַנד פון מעריב־רויט
פון אַ רעפּטל ברויט.
אַ רעפּטל ברויט.

## דיין בלויער חלום

אין דיינע אויגן בלויט דער חלום אונדזערער פון דורות,
אין דיינע אויגן גליען טרערן יידישע און בלענדן.
זיי אייביקן ווי פלעמלעך אין געהייליקטע מנורות.
דיין בלויער חלום איז שוין מער ניט קיין לעגענדע.

וואָס דען געבליבן איז דעם פרינץ פון געטאָ און פון "יודן־גאַס"
ווי קלאַפּן אין די טויערן פאַרריגלטע און פרעמדע;

*) צו דער זעקסטער יאָרצייט פון אונדזער חבר און געוו. מיטאַרבעטער חנן קיעל, ברענגען מיר דריי לידער זיינע, דערמאָנדיק מיט ליבשאַפט זיין אָנדענק.

און מיט זיין חלום שווימען איבער כוואַליעדיקן האַס.
דיין בלויער חלום איז שוין מער ניט קיין לעגענדע.

ווי דער נביא האָסטו אויפגעוועקט די ביינער, טרוקענע אין טאָל
ווען געפלויגן איז דיין רוף איבער ימען, איבער לענדער,
האָבן הערצער שווייגנדיקע אָפּגעעכאָט אויף אַ קול:
דיין בלויער חלום איז שוין מער ניט קיין לעגענדע.

איבער דיר לויכט איצט דער הימל פון דער יידישער מדינה;
דו שלאָפסט, נאָר ס׳ציט זיך נאָך דיין חלום אָן אַן ענדע,
פון אייניקלעך וואָס וואַקסן פרייע ווי ציפּרעסן גרינע;
דיין בלויער חלום איז שוין מער ניט קיין לעגענדע.

## דער בערנבאַרג ביים האָדסאָן

היט זיך מזל־יעגער פאַרן בערנבאַרג,
אין וואָלקן איינגעהילטן אורוואַלד;
היט זיך פישערלייט,
די שטריקנעצן אין אונטערדעק באַהאַלט!

פון די פלאַנטער־קוסטעס טויזנט אויגן גלאָצן
אויף זעגלשיפן פרעמדע,
וואָס ציען אויפן האָדסאָן.

זיי געוואָרנט פאַר די שווייגנדיקע פעלזן;
אויף גרינע סקאַלעס, אָנגעלאָדענע מיט דינאַמיט,
אינדיאַנער פויזן
מיט שטילע פוקסנטריט.

היט זיך וואַלדזעגער,
הירשן־יעגער,
פאַרן אָוונט־סוד, ווען ס׳טובלט זיך די זון
אין האָדסאָן־טייך.

נאָר איך, דער זון פון פאַרברענטע שטערן
האָב ניט מורא פאַר די באַרג־בערן.

דיין וואַלד־מעלינע איז מיר היימיש,
אין ווינט, דיין צאָרנדיקער רויך;
ס׳בריען הייגט נאָך מיינע פיס
אין פייער־טאַנץ פון באָרוועסע אינדיאַנער.

איך בין אַליין אַ שפּליטער־גלי
פון מיין שבט,
אַ פאַרוויטער מאָהיקאַנער.

משה שקליאַר

# געווען מיר זענען פיר

**דעם דיכטער חנן קיעל געווידמעט**

**(צווייטער וואַריאַנט)**

געווען מיר זענען פיר:
אַ לערער אָן קינדער,
אַ שוסטער אָן שיך,
אַ פּאַסטעך אָן רינדער -
און איך.

לידער מיר האָבן געשריבן
אויף שניי,
געלייענט עס האָט זיי
דער ווינט און דער וויי,
און זייער עכאָ
פֿאַרנומען עס האָט
דער באַרג וואָס אַריבער
דער שטאָט.

יאָרן אַזוי פֿיל
שוין זענען פֿאַרביי,
דער פֿראָסט האָט געטייעט,
צערונען דער שניי,
אַוועק איז דער לערער,
דער שוסטער אָן שיך,
דער פּאַסטעך אָן רינדער -
געבליבן בין איך.

געבליבן בין איך
און געבליבן איז ליד,
וואָס טראָגט אַלץ דעם עכאָ
פֿון ווינט און פֿון וויי,
און פֿון די ערשטע
שורות אויף שניי.

לילקע מייזנער

# דער מעשה־דערציילער

(צום הונדערטסטן געבוירן־יאָר פון יצחק באַשעוויס־זינגער)



אַמאָל, אַמאָל איז געווען... אַזוי הייבן זיך אָן אַלע מעשיות פאַר קליין און גרויס - מעשיות גוטע, שלעכטע, מיט אַ ציל און אָן אַ ציל - זיי ציען דעם פאָדים, שפּינען, שפּינען און פירן אַריין דעם לייענער אין אַ פאַרכישופטער וועלט, און אַזוי אַרום פאַרבינדן זיי דעם שרייבער און לייענער און טראָגן אים, דעם לייענער, איבער אין דער וועלט און געדאַנקענגאַנג פון שרייבער.

מיר טראַכטן אָפט וועגן דער ראָל פון יידישן שרייבער, און שרייבערס בכלל, אין דעם לעבן פון דער געזעלשאַפט. דאַרף דעם שרייבערס שאַפונג זיין נאָר אַ פאָרעם פון פאַרוויילונג, אָפּפרייסן זיך פון טאָג־טעגלעכן לעבן און איבערפירן אונדז, די לייענער, אין אַן אַנדערער וועלט און ספערע?

די ראָל פון שרייבער אין פאַרשיידענע צייטן, אונטער פאַרשיידענע אומשטענדן, האָט אָנגענומען פאַרשידנאַרטיקע פאָרמען, און איז טייל מאָל פאַרקריפּלט געוואָרן אין גאַנג פון דער געשיכטע. וואָס זשע איז די ראָל פון שרייבער? קודם כל איז ער דער פאַרצייכענער פון געדאַנקען, געשעענישן, אַסאָציאַציעס. און אויף דער דאָזיקער קאַנווע הייבט ער אָן צו באַנוצן זיין שאַפונגס־קראַפט, כדי אויפצובויען זיין "געביידע", די "געביידע", וואָס וועט אָננעמען פאָרמען, וועלכע וועלן זיין כאַראַקטעריסטיש נאָר פאַר אים, דעם געגעבענעם שרייבער־שאַפער. דער לייענער וועט עס אָפּשאַצן לויט זיין "געשמאַק". אַ דאַנק דעם שרייבער ווערט דער לייענער אַריבערגעפירט אין אַ וועלט אַן אַנדערער און די אינטערפּרעטאַציע סטימולירט און נעמט דעם לייענער אַוועק פון זיינע טאָג־טעגלעכע זאָרגן און זיין רעאַלער וועלט.

אָט וועגן אַזאַ איינעם ווילט זיך היינט שרייבן, דערמאָנען און אויסנוצן די דאַטע פון הונדערט יאָר - כאָטש דער שאַפער האָט נישט דערלעבט צו די יאָרן. ער איז אַוועק אין דער אייביקייט, דער מייסטער פון דער יידישער מעשה, דער שפּינער פון אויסערגעוויינלעכע פאַנטאַסטישע בילדער, וועלכע נעמען אַריין טיילן פון אונדזער נישט לאַנג פאַרגאַנגענער געשיכטע; פון דער יידישער געשיכטע, געבויט אויף פאָלקס־מאָטיוון, לעגענדעס ,איבערדערציילונגען, פאָלקלאָר, חומש און קבלה. זיין נאָמען איז **יצחק באַשעוויס־זינגער**. ער איז אַוועק פון אונדז דעם 24 יולי 1991 רייף אין יאָרן - און אונדזער ליטעראַטור איז פאַראָרעמט געוואָרן.

באַשעוויס זינגער האָט געלעבט און געשאַפן אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, דעם מערקווירדיקן יאָרהונדערט פון דערגרייכונגען, וויסנשאַפטלעכע אַנטדעקונגען, פון וועלן דערגיין צו די אינטימסטע ווינקלען פון מענטשלעכע טראַכטונגען - די צייט פון

פסיכאָנאַליז, פֿון פֿרויד, אַדלער און יונג. און אין דער יידישער וועלט - די שטרעבונגען צום אַרויסרייסן זיך פֿון די ענגע ווינקלען און אַריין אין דער גרויסער וועלט מיט אונדזערע אוצרות און אייגנשאַפֿטן.

דעם שרייבערס שטוב איז געווען אַדורכגעדרונגען מיט יידישן לעבנס־שטייגער און יידישן וויסן. דער טאַטע זיינער, וועלכער איז געווען אַ מורה־הוראה און אָנגעפֿירט מיט אַ בית־דין, האָט אָנגעפּילט די שטוב מיט יידישער טראַדיציע, און די דריי קינדער - צוויי זין און אַ טאָכטער - האָבן זיך אָנגעהערט פֿון יידישע צרות און סתם געשיכטעס, וועלכע זענען איינגעקריצט געוואָרן אין זייערע קינדערישע מוחות און שפּעטער פֿאַרשפּינט געוואָרן אין די ראָמאַנען און דערציילונגען, וועלכע אַלע דריי האָבן געשאַפֿן (י.י. זינגער, דער שפּעטערדיקער מחבר פֿון "יאָשע קאַלב" און די שוועסטער אסתר קרייטמאַן).

דער צוקונפֿטיקער מעשה־דערציילער יצחק באַשעוויס־זינגער איז פֿאַסצינירט געוואָרן מיט די געשיכטעס וואָס זענען דערציילט געוואָרן דורכן פּשוטן פֿאָלקס־מענטש. טייל מאָל זענען זיי דערגאַנגען ביז צו אַ גוזמא און דאָס האָט נאָך מער פֿאַראינטריגירט דעם צוקונפֿטדיקן שרייבער. אַ ביז גאָר גרויסן איינפֿלוס האָט געהאַט אויף באַשעוויסן זיין ברודער, וועכער האָט יונגערהייט אַרויסגעוויזן קאָלאָסאַלע ליטעראַרישע פֿעיקייטן. וואָלט ער געהאַט יאָרן צו לעבן, וואָלטן מיר זיכער געהאַט נאָך אַ יידישן נאָבעל־לאַורעאַט! אָבער דער גורל האָט אַנדערש געוואָלט.

באַשעוויס איז געווען אַ קינסטלער, וועלכער האָט געמאָלן דאָס רעאַלע לעבן דורך פֿאַרשיידענע שפּיגלען - און ווייל דאָס לעבן איז באַשטאַנען פֿון זיג־זאַגן און נישט קיין גלייכע ליניעס, האָבן זיינע שאַפֿונגען אָנגענומען אַט די ספּעציפֿישע פֿאָרעם - זיין פֿאָרעם - דעם שרייבערס אַליין: פֿאַרשידנאַרטיקע טיף ערנסטע דערציילונגען, סאַטירישע, פֿאַנטאַסטישע, סעקסועלע, געבויט טייל אויף לעגענדעס און איבערדערציילונגען - טייל גענומענע פֿון אַלטע פּוילישע און סלאַווישע לעגענדעס, וואָס זענען דורך דעם פֿאָלק פֿאַריידישט געוואָרן און אַריין אין דעם יידישן פֿאָלקלאָר. אַט דורך די לעגענדעס צי דערציילונגען האָט באַשעוויס אַ וועלט באַשאַפֿן, אַריינפֿלעכטנדיק זיי אין זיינע מעשיות - און אונדז איבערגעלאָזט אַ ירושה פֿון אַ מעשה־שפּינער פֿון העכסטן קאַליבער. מיר האָבן אין דער יידישער ליטעראַטור ביז איצט נישט געהאַט די טיפֿאַזשן פֿון "רוחות", שדים, פֿאַרקרומענישן - באַשעוויס האָט זיך אָנגעזאַפּט מיט דעם אייגענעם און סלאַווישן פֿאָלקלאָר און די טיפֿן פֿאַריידישט, געמאַכט זיי היימיש - און אַריינגעפֿירט דעם לייענער אין אַ וועלט פֿון נישט רעאַלקייט, פֿאַנטאַזיע, און דורך פֿאַנטאַזיע צוריק צו דערווירקלעכקייט. די טעמעס פֿון גוטס און שלעכטס, שיינקייט און מיאוסקייט, האַס און ליבע זענען אונטער דער האַנט פֿון אונדזער שרייבער פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין דערציילערישע שעדעווערן. טייל מאָל גרויזאַם בילדעריש מיט שטאַרקע קאָלירן אין אַ פֿאַנטאַסטישער וועלט, אָבער אַרויסברענגענדיק דעם יידישן תמצית, יידישן טראַפֿ און יידישן פּאַטאָס.

עס איז וויכטיק, אַז מיר זאָלן געדענקען דעם צייט־אָפּשניט אין וועלכן ער האָט געלעבט. עס האָט דאָמינירט די לערע פֿון פּסיכאָאַנאַליז, פֿון גריבלען זיך און אויסטייטשן יעדן מענטשלעכן ריר, שוואַכקייטן און זיטן, עס איז געווען אַ צייט פֿון דערגרייכן אינטעלעקטועלע הויכן און פֿאַלן צו די נידעריקסטע מענטשלעכע אינסטינקטן. אַט די קאַנוווע שאַפֿט אַ מין קרומען שפּיגל און דער שרייבער נוצט עס אויס טייל מאָל אין דער פֿאָרעם פֿון ציניזם, אָפּלאַכונג, הומאָר. דאָס האָט אַרויסגערופֿן ביי אַ סך פֿון די

לייענער און קאָלעגן־שרייבער אַ געוויסן ווידערווילן לגבי אים.

זיין גאָר ערשטע דערציילונג, די קורצע נאָוועלע "דער שטן פון גאָריי", איז געווען אַ באַשרייבונג פון דער שבתי צבי־באַוועגונג און די דעמאָראַליזאַציע וואָס זי האָט אַריינגעבראַכט אין דעם יידישן לעבן און טראַכטן, געשריבן אויפן פאָן פון די כמעלניצקי־פאָגראָמען. די נאָוועלע האָט געמאַכט אַ גרויסן רושם און דער קריטיקער ש. ניגער האָט זיך דעמאָלט אויסגעדריקט אַז "עס וואַקסט אַ גרויסער שרייבערישער טאַלאַנט".

באַשעוויס זינגער האָט באַהערשט שוין פון די גאָר פריע יאָרן דעם אויסערגעוויינלעכן שפּראַכלעכן אינסטרומענט און די רייכקייט פון דער יידישער שפּראַך. ער האָט יידיש ליב געהאַט דורך און דורך און אויסגענוצט אַלע וואַריאַנטן פון אונדזער שפּראַך־אוצר. אין דעם יאָר 1945, אַ יאָר נאָך דעם טויט פון זיין ברודער י.י. זינגער, וועלכן ער האָט אָנגערופן "מיין מייסטער", האָט באַשעוויס געשאַפן זיין באַרימט בוך "די פאַמיליע מושקאַט". די דערציילונג נעמט אַרום די פונאַנדערפאַלונג פון אַ פאַמיליע אין דער ערשטער העלפט פון דעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. נייע ווינטן הייבן און צו בלאָזן, אין דער דיסציפּלינירטער גלויביקער פאַמיליע ברעכן זיך דורך שפּאַרונעס און די נייע ווינטן, טייל מאָל גרויסע זאַווערוכעס, צעברעקלען דעם געדאַנקען־גאַנג און ברענגען אַריין ענדערונגען אין דער איינגעזעסענער, סטאַגנירטער פאַמיליע. נישט שטענדיק גוטע ווינטן, נישט שטענדיק שיינע בלומען, אָבער אַזוי איז דער מענטשלעכער גאַנג. דער ווילן צו אינטעגרירן זיך אין דער פּוילישער געזעלשאַפט ברענגט דעם אַסימילאַציע־שטראָם.

דער פילבאַרער שרייבער פילט די געפאַר און אומרו, און אין קעגנזאַץ ברענגט ער דעם טיפּ פון דעם גאַנצן יידן, דעם רבי, וועלכער איז די שטאַרקע וואַנט קעגן די נייע ווינטן. מען האָט פאַרגעוואָרפן באַשעוויסן, אַז ער איז אַ פעסטימיסט. דאָס איז אָבער זיין פריווילעגיע. אין זיין פעסימיזם האָט ער דאָך געהאַט אַזוי פיל פּאָזיטיווע טיפּאַזשן ווי יעקב - אין דער דערציילונג "דער קנעכט", בייניש - פון "שטן פון גאָריי" לייבע - און צענדליקער אַנדערע. די פאַמיליע מושקאַט איז אין יאָר 1950 איבערזעצט געוואָרן אויף ענגליש, און דאָס איז געווען דער אָנהייב פון זיין אַריינגיין אין דעם לעבן פון מיליאָנען לייענער. אין 1958 זעצט איבער דער באַוווסטער יידיש־ענגלישער שרייבער סאָל בעלאָ דאָס בוך "גימפּל תם" און עס באַקומט אויסערגעוויינלעכע אָפּשאַצונגען. די וועלט באַקענט זיך מיט דעם שטעטל פון דעם נייַנצנטן יאָרהונדערט, דעם שרייבערס אימאַגינאַציע. זיינע באַשרייבונגען, הומאָר, ליבע, ליידנשאַפט, סעקסועלע טרוימען, מענטשלעכע שוואַכקייטן שפּינען זיך אַריין אין אַלע זיינע גרויסע צי קירצערע דערציילונגען און נאָוועלן. ער איז פּראָדוקטיוו אין זיין אַרבעט, און די ביכער, וועלכע ווערן איבערזעצט, האָבן אַ קאָלאָסאַלן דערפאָלג. ער אַפּעלירט צו דער יוגנט, וואָס זעט אין זיינע דערציילונגען אַ מין מיסטישקייט אין וועלכער זי נויטיקט זיך.

די איבערזעצונגען, ווי גוט זיי זאָלן נישט זיין, פאַרלירן טייל מאָל די קאָלאָסאַלע שפּראַך־רייכקייט, וועלכע דער שרייבער האָט פאַרמאָגט. באַשעוויס איז דורך און דורך געווען יידיש. אין אַלע זיינע ווערק געפינען מיר דעם מאָטיוו פון אָדער־אָדער! אָדער נאָכגעבן דער תאווה - אָדער באַזיגן זי. טייל מאָל פרעגן מיר, פאַרוואָס האָט ביים שרייבער פאַרנומען אַזאַ גרויס אָרט די וועלט פון שדים, רוחות, גן־עדן, גיהנום? דאָס פאָלק אַליין, די פאַנטאַזיע פון פאָלקס־מענטש אין די פריערדיקע יאָרהונדערטער, ←

מ. אייזנבוד / מעלבורן

# ווען עס קלינגט דער טעלעפאָן...

## (דערציילונג)

ביים טיר פון ביוראָ איז ירוחים געבליבן שטיין אַ פאַרסאַפּעטער. פון צווישן בינטל שליסלען האָט ער נערוועז געגומען זוכן דעם פּאַסיקסטן. די דאָזיקע טואונג איז ביי אים שוין געוואָרן אַ געוווינהייט, וועלכע האָט זיך איבערגעזחרט יעדן טאָג. ער האָט געמוזט אויספּרובירן עטלעכע שליסלען, ביז ער האָט געקאָנט אויפמאַכן די טיר.

בשעת מעשה האָט אים געערגערט, וואָס ער קאָן ניט אויפמאַכן די ביוראָ אָן צו פאַרשפּעטיקן, כאָטש ער איז געווען איבערצייגט, אַז פּינקטלעכקייט איז אַ פּאָזיטיווער כאַראַקטער־שטריך. אויפן ביוראָ־טיש האָט ער געטראָפן, ווי תמיד, בריוו, רעכענונגען. פאַרשריבענע צעטעלך - באַמערקונגען וועגן דעם, וואָס ירוחים האָט אַלץ ניט דערליידיקט. עס האָט אים דענערווירט אָט די באַציונג. "בין איך אַ ראָבאָט וועלכן מען דאַרף אָנקאָרמענען מיט אינפאָרמאַציע, אַניט ווייס איך ניט ווו איין און ווו אויס? נאָר וואָס? דעם אָנזאָג פון דירעקטאָרן־ראַט מוז מען אויספירן. ניט מער: ער האָט זיין מיינונג וועגן די דירעקטאָרן און זייער וויכטיקייט. כאָטש ווענען איז אָנגעגאַנגען זיין מיינונג, אַז ער איז ניט מער ווי דער סעקרעטאַר פון קלוב "פּראָספּעקט". די לאַסט פון דער אַרבעט פאַלט אויף זיינע פּלייצעס: פאַרהאַנדלען מיט אַרטיסטן, מיט מוזיקער וועגן קאָנצערטן, מיט רייזע־ביוראָען וועגן פלי־בילעטן, און מיט בענק וועגן הלוואות, דעוויזן. צוגרייטן פאַרוויילונגען פאַר די מיטגלידער און אַפילו אַכטונג געבן אויפן בופעט. מיט דעם אַלעם עסט מען זיך אויס דאָס האַרץ. קיין זאַך קומט ניט אָן לייכט. ירוחים מוז

←

האָט זיך געגריבלט אין דער אָ "פּראָבלעמאַטיק" מלאכים, שדים זענען געווען אימאַגינירטע סימבאָלן - טייל פון האָפענונג, פון גוטס און שלעכטס אין באַשעוויסעס שעפערישסטן פעריאָד פון יאָר 1962 ביז זיין טויט. ער האָט דאָס יידישע לעבן אין אַלע זיינע פאָרמען דורך גאַס און געסלעך, שטעט און שטעטלעך, חומש־לעגענדעס, דערלאַנגט דער וועלט אויף אַ גרויסער זילבערנער טאַץ און געזאָגט: זעט, זעט וואָס מיר פאַרמאָגן.

עס וואָלט נישט ריכטיק געווען מיר זאָלן נישט דערמאָנען זיינע אויסערגעוויינלעכע קינדער־דערציילונגען. ער ברענגט דעם קאָלירפולן יידישן פאָלקלאָר און לעגענדע צו אַלע קינדער, און די קינדער פילן די נאָענטקייט פון די טיפאַזשן און "מזל און שלמזל" צי די "כעלעמער נאַראָנים" ווערן זיי נאָענט און טייער.

באַשעוויס זינגער איז געווען דער צוממערסטן "דרויסנדיקער" שרייבער, דער וועלכער האָט אַרויסגעבראַכט אויף זיין אופן די יידישע נשמה, יידישן שטייגער, יידישן הומאָר אויף אַן אייגנאַרטיקן אופן - זיין אופן און פאָרעם. מיט זיין דערגרייכן דעם נאָבעל־פּריז האָט ער אַריינגעפירט די יידישע ליטעראַטור אין דער ברייטער וועלט.

איז צו דעם הונדערטסטן געבוירן־יאָר, מיין שרייבער - ווו דו ביסט - בין איך זיכער, אַז דו ביסט אַרומגערינגלט מיט דיינע טייערע העלדן - מיט שאָשען און יענטלען, מיט לייבען און שמעון דעם "צעדרייטן" - זיי זענען אונדז, דעם ליינער, טייער פּונקט ווי טייער זיי זענען דיר געווען. האָסט אונדז איבערגעלאָזט אַ גרויסע ירושה, אַן אַלטע און מאָדערנע און אַן אייביקע. נישט נאָר אונדז האָסטו עס געגעבן, האָסט אויפגעעפנט די טויערן פון דער ברייטער וועלט זי זאָל זען אונדזער פאַרמעגן.

אָנווענדן אַלע זיינע פֿעיקייטן, טריקן, חכמעלעך ביז ער פֿירט אַדורך דאָס, וואָס די דירעקטאָרן האָבן פֿאַרטראַכט. שאַצט עס ווער אָפּ? מיט קאַלטער בוכהאַלטערישער אויסגערעכנטקייט באַרעכנט מען די שעהן וואָס ער זיצט אין ביוראָ - און דאָס איז אַלץ. זיין איניציאַטיוו, די פֿעיקייטן, די איבערגעגעבנקייט פֿאַרן קלוב - דאָס פֿאַרזעט מען. דער פֿאַרדרוס שטייגט אין אים, ווי כוואַליעס ערב אַ שטורעם.

"צוליב די פּאָר דאָלער ביזטו ווי אַ פֿייערלעשער. ניט קיין טאָג און ניט קיין נאַכט. תמיד אויף דער וואַך".

אין דעם דאָזיקן זאָג האָבן זיך צענויפֿגענומען זיין פֿרוי, ליבעס, אַלע פֿאַרדראָסן. דער דאָזיקער זאָג האָט אין ירוחימס אויערן אָפּגעקלונגען ווי אַ וואָרענונג קעגן דער פֿירונג וואָס ער האָט איינגעשטעלט. ער האָט דעריבער געמוזט זיין אויף דער וואַך, צוליב דער מורא, אַז דאָס שטריקל קאָן יעדע רגע פּלאַצן...

- נאַכט נאָך נאַכט בלייבן אַליין. די קינדער שלאָפֿן. זיצן און דרימלען ביי דער טעלעוויזיע. רופֿסטו עס אָן לעבן? צו ווען זאָל איך אויסריידן אַ וואָרט? כאָשט נעם און רייד צו דער וואַנט. האָבן אַ מאַן וואָס איז פֿאַרשקלאַפּט צו אַ קלוב... און וואָס קאָן זיין ערגער, ווי זיין פֿאַרשקלאַפּט צו אַ שקלאַף? אַ יונג ווייב צו אַן אַלטן שקלאַף - געפֿינט זי נאָך פּאַר גוויטיק צוצוגעבן...

ירוחים קאָן געשיכטע. אַפֿילו ווייבער פֿון שקלאַפֿן צעבונטעווען זיך אַמאָל. ספּעציעל יונגע פֿרויען, וועלכע מען פֿאַרקוקט. דערווייל האָט ער נאָך ניט אויסגעפֿונען דעם מיטל ווי אַזוי דעם אָנקומענדיקן בונט צו צוימען.

ירוחים טוט אַ בלעטער די פּאַפּירן אויפֿן טיש, כדי זיך קלאָר צו מאַכן, וועלכן ענין מען קאָן שוין ווייטער ניט אָפּלייגן. - בריוו. נאָר מען שרייבט בריוו. וויפֿל דירעקטאָרן עס זענען דאָ אין ראַט, אַזוי פֿיל פֿאָרשלאַגן מאַכט זיי - און אַלץ וועגן שרייבן בריוו.

אַ חוץ שרייבן בריוו האָט ירוחים פֿיינט יעדן טאָג צו זוכן אַ ניים תירוץ, אַ פֿאַרענטפֿערונג פֿאַרן פּרעזידענט, וואָס שוין באַלד אין דער פֿרי הערט ער זיין פֿאַרצוקערטע שטים אין טעלעפֿאָן. דער טאָן שטעכט מיט סאַרקאַזם. אַזוי - הייסט עס - מיינט ער גאָרניט. דווקא פֿריינטלעך. ירוחים קאָן שוין זיינע רגילותן, פֿון נאָכקוקן אים, אויב ער נוצט ניט די צייט פֿון קלוב פֿאַר עפּעס וואָס זייטיקס. דער פּרעזידענט איז צופֿרידן ווען ירוחים דערציילט אים אַ לייטישע מעשה. ער באַוווּנדערט זיין שעפֿערישקייט אויף דעם געביט. ירוחים שטויסט זיך אָבער אָן, אַז ער גלויבט ניט קיין איין וואָרט. אָבער פֿאָרט. ער טוט ס'זייניקע מיט די תירוצים פֿאַרן פּרעזידענט וועט ער שוין ווי ניט איז מוזן שלום מאַכן. ער טרייסט זיך, אַז אפֿשר וועט ער אַמאָל צונויפֿנעמען די תירוצים אין אַ בוך, וואָס וועט הייסן: "דער דערפֿאָלגרייכער ליגן". מען דאַרף וויסן: שרייבן אַ בוך איז אויך געווען זיין חלום. אין בוך וועט ער זיך אָפּנעמען פֿאַר אַלע דערנידערונגען וועלכע ער מוז אויסשטיין.

ערגער פֿון פּרעזידענט - זענען די טענות פֿון ליבען. זי וויל וויסן אַ חשבון פֿון זיינע נעכט. זי וויל וויסן, צי אַלע דירעקטאָרן האָבן אויך זיצונגען, וויפֿל נעכט עס זענען דאָ אין דער וואָך. די קינדער הייבן אָן צו פֿאַרגעסן ווי דער טאַטע זעעט אויס...

די צרה איז - טראַכט ירוחים וואָס אין דעם שטעקט אַ שטיק אמת. ירוחים האָט אַריינגעלייגט אַ בויגן פּאַפּיר אין דער שרייב־מאַשין - פֿאַר יעדן פֿאַל, טאָמער קומט עמעצער אַריין. עמעצן איז איינגעפֿאַלן, אַז מען דאַרף איינלאַדן צום פֿייערלעכן אָוונט פֿאַרן דיכטער יחיאל דיסק, דעם וועטעראַן. קיינער האָט זיין נאָמען ניט אָנגערופֿן, ווייל אַלע האָבן געוווּסט, וועמען מען מיינט. עמעצער האָט נאָך צוגעגעבן, אַז מען דאַרף

שרייבן אַ וואַרעמען בריוו.

– וועט ניט זיין געזונג אַנצוקלינגען? – האָט ירוחים זיך געפּרוּווט אָפּדינגען פון שרייבן אַ בריוו. דער כעס נאָך דער נעכטיקער זיצונג האָט זיך ביי אים נאָך ניט אָפּגעקילט. מען שאַצט ניט אָפּ ווי געהעריק זיינע אויפטוען, און זיינע קענטענישן. מ'האַלט אין איין באַקלאָגן זיך:

– פאַרוואָס האָט ער ניט געשיקט קיין טעלעגראַמע באַצייטנס צום אַקטיאָר סילוועסטער?

ירוחים האָט זיך געבעטן:

– דער אַקטיאָר איז אַ פלאַקן. ער איז ניט ווערט קיין סענט – שוין אָפּגערעדט פון אַ טעלעגראַמע. און אַז עס קומט צו געלט, איז ער יענער קאַנאַרעק... מען וועט האָבן אַ גראַנדיעזן דוכפּאַל...

– צי ווייס ניט ירוחים דעם פּרייז פון אַ בריוו־מאַרקע? – דאָס איז שוין געווען מער ווי אַ פראַגע, שטייגט דער כעס אין ירוחימען, דאָס איז שוין סאַרקאַזם.

– אוודאי ווייס איך, וואָדען? די מאַרקעס קלעפּט ער, צי עמעצער אַנדערש?

דער ווירטשאַפטלער האָט געשריען געוואַלדן: – דער רעכענונג פאַר טעלעפאָנען איז שוין ממש אַרויס פון די האַלאַבאַלעס. אַז ער ווערט בייז, ווייס שוין ירוחים, רעדט פון אים אַרויס דער ליטוואַק. אָבער ירוחים, ווי אַ קולטורעלער מענטש, האָט פאַרשריבן אין פּראָטאָקאָל, אַז די טעלעפאָן־אויסגאַבן זענען אויסער יעדער פּראָפּאָרץ.

בלויז איינער, דער פּרעזידענט, האָט זיך ניט באַקלאָגט. ער האָט בלויז געמאַכט צוויי באַמערקונגען, פון וועלכע ירוחים האָט קיין גרויס נחת ניט געהאַט.

קאָן ער דאָס אַלץ דערציילן ליבען? קודם שלאָפט זי, ווען ער קומט אַהיים. זאָל ער זי אויפוועקן און באַקלאָגן זיך? וועגן וויכטיקערע זאַכן וועקט ער זי ניט אויף, און בכלל: ער ווייס שוין איר ענטפער: "וואָס קלעפּסטו אַזוי צום קלוב? מיט דיינע פעיקייטן וועסטו ניט פאַרלוירן גיין".

ליבע – זעט אויס – האָט פון ירוחימען געהאַלטן אַ וועלט.

אַצינד – טראַכט ער – איז דווקא די געהעריקע צייט אַרויסצוווייזן, אַז כאָטש ער איז זייער אַ וויכטיקער און פאַרנומענער מענטש, דאַרף וועט ער צוליב ליבען צעטרענצלען זיין ווערטפולע צייט אויף היימישע קלייניקייטן, כדי צו דערווייזן זיין זאָרג פאַר דער משפחה. צוערשט האָט ער געקלונגען וועגן די גאַרדינען. וואָס מיינט ער, דער מענעדזשער, און ווי לאַנג וועט עס נאָך דויערן? קאָנען זיי ניט קריגן די באַשטעלטע סחורה, וועט ער מוזן זוכן עמעצן אַנדערש. מיטן גערטנער איז עס צוגעגאַנגען אַ סך לייכטער. באַשטימט וועט ער קומען אַרומשניידן די ביימער איידער זיי צעבליען זיך. אפשר שוין מאָרגן – די בלומעדבייטן וועט ער אויך צוגרייטן. צום סוף האָט ער געלאָזן ליבען וויסן וועגן זיינע באַמיונגען פאַר דער משפחה.

-זעסטו – איך נעם אַ גרונטיקן אָנטייל אין אונדזערע פאַמיליע־ענינים...

(דאָס וואָרט האָט ער פאַרצייכנט אויפן טיש־פּאַפּיר, נאָך אַ שמועס מיט אַן אָנגעזעענעם פען־מענטש. דאָס איז ביי אים געווען אַ געוווינשאַפט. בשעת ריידן אויפן טעלעפאָן, אָנצוואַרפן אויפן פּאַפּיר פּראַזן, צייכענונגען, גראַפישע אומזיניקייטן, ווערטער וואָס קלינגען שיין).

נאָך דעם, ווי ער האָט ליבען געגעבן אַלע עצות וועגן גאָרטן, כאָטש אין גערטנעריי האָט ער געהאַט אַ קנאַפּן אַנונג. האָט ער אַ טראַכט געטאָן, אַז אין דעם מאָמענט קאָן דער פּרעזידענט קלינגען, און דאַן וועט ער אים זאָגן, אַז יאָ – שוין זיצט

ער ביי דער שרייב־מאַשין און קאָמפּאָזירט דעם בריוו צום מיניסטער וועגן דער דערלויבעניש פֿאַרן אַרטיסט, וועלכן די רעגירונג האָט ניט קיין חשק צו געבן די אַריינפֿאָר־וויזע, מחמת ער קומט פֿון יענעם לאַנד...

דערמאָנט ער זיך, אַז דער ליטוואַק האָט שוין אַ מאָל צען באַמערקט, אַז ירוחים איז ניט קיין קאָמפּאָזיטאָר און דאָ דאַרף מען זיך ניט טאָן אַרומפּידלען, נאָר טאָן אַרבעט, און אַ חוץ אַלעמען דאַרף מען שרייבן בריוו און ניט קאָמפּאָזירן זיי. ירוחים קוקט אויף זיין אַרבעט, ניט פֿון סתם אַ סעקרעטאַר, נאָר ווי אַן אינטעלעקטועלע באַשעפֿטיקונג, וואָס מוז אויך צייטנווייז אויספֿירן לאַנגווייליקע פֿליכטן, ווי ער טוט עס איצט. ער בלייבט דעם ליטוואַק ניט שולדיק קיין ענטפֿער: "מעגלעך, אַז לייט שרייבן בריוו. ביי אים איז אַ בריוו - אַ קאָמפּאָזיציע, וואָס מ'קאָן גלייך אַריינשיקן אין בעסטן ליטעראַרישן זשורנאַל, און מען וועט עס פֿאַרצוקערן". דער ליטוואַק געהערט אויך ניט צו די פֿאַרשווייגער: "טאָמער לייגט מען אייער קאָמפּאָזיציע אַרויף אויף דער פּיאַנאָ - צעפּושעט זי זיך ווי אַ נאַראַווּיסטער פֿערד"...

אַזאַ באַמערקונג קאָן שוין ירוחים ניט פֿאַרטראָגן - און שלינגט זי אַראָפּ, ער וועט זיך שוין מיטן ליטוואַק צערעכענען אין זיין בוך: "דער דערפּאָלגרייכער ליגן". אָ, דעמאָלט...

ער האָט אָנגעשריבן די ערשטע שורה. און זיך פֿאַרטראַכט. - דאָ מיינט ער - בעט זיך אָפּטרעטן פֿון אָפֿיציעלן לשון, און אָנשרייבן עפּעס טיפּזיניק, עפּעס וואָס זאָל אַ צופּ טאָן ביי דער נשמה. אַ פּערזענלעכע נאָטקע. און בכלל: עס זאָל באַרעכטיקן די מיינונג וואָס ער האָט וועגן זיין שרייבן, אַז דאָס איז ניט סתם אַ בריוו נאָר אַ ליטעראַריש ווערק.

אַז דער בריוו צום חשובן ווערטראַן איז פֿאַרטיק געוואָרן, האָט דער זייגער געוויזן, אַז עס איז צייט פֿאַר אַ גלעזל קאַווע... דער עלעקטרישער טשייניק האָט גענומען זידן. אין דער שטילקייט פֿון ביוראָ האָט זיך מיט אַ מאָל צעקלונגען דער טעלעפֿאָן מיט אַזאַ רוגזה, אַז ירוחים האָט געמוזט אַ כאַפּ טאָן ס'טרייבל, אַניט וואָלט דער טעלעפֿאָן אַראָפּגעשפּרונגען פֿון טיש.

- העלאָ? - פֿון די ערשטע קלאַנגען האָט ער דערקענט די שטים. דער פֿאַרדראָס האָט אים ווידער אַ כאַפּ געטאָן.

- מערקע, וויפֿל מאָל האָב איך דיר געבעטן ניט צו קלינגען אַהער. טאָמער זיצט דאָ עמעצער, מיינט מען באַלד, איך פֿיר פּריוואַטע געשפּרעכן. ס'פֿעלן מיר דען אויס צורות? און פּונקט בין איך איצט זייער פֿאַרנומען.

ניט אויסהערנדיק די פֿאַרענטפֿערונג, האָט ער אַוועקגעלייגט ס'טרייבל.

דער עלעקטרישער טשייניק האָט דערווייל געטאָן ס'זייניקע. געדיכטע קנוילן דאַמף האָבן זיך געריסן צום סופֿיט. דאָס פֿייפֿל האָט אַליאַרמירט. טרינקענדיק די קאַווע האָט ירוחים צוריק באַקומען דאָס גלייכגעוויכט און גענומען טראַכטן, ווי ס'באַדאַרף טראַכטן אַ מענטש, וואָס איז פֿול מיט קאָמפּליקאַציעס. (דער אַלטער שקלאַף, האַ?) און מוז דעריבער קאָנען באַהערשן יעדע סיטואַציע מיט קאַלטער לאָגיק. ירוחים איז געשטאַנען ווי אויף אייז - פּאַניק אויף אַ רגע - מיינט אויסגעליטשן זיך... דעם לוקסוס האָט ער זיך ניט געקאָנט פֿאַרגינען.

זאָגט ער זיך אָנצינד מוסר: ניט געדאַרפֿט נוצן דאָס לשון פֿון אַן איבערגעשראָקענעם, נערוועזן געליבטן, אויף וועלכן עס ציטערט די הויט. און אַז מען גייט אויף אייז, מוז מען זיך דען אויסגליטשן? נאָך אַלעמען איז ער דאָך ירוחים קלעבער - דער אינטעלעקטואַל און געניטער סטראַטעג. כדי זיך צוצוגעבן מוט, טוט ער אַ זאָג, הויך אויף אַ קול: - ניט

שלעכט פֿאַר אַן אַלטן שקלאַף, האַ?

אַפּנים - ליבעס זאָג האָט אים געדופּעט... פֿון אַ זייטיק שענקל האָט ער אַרויסגענומען אַ פֿלעשל ברענדי און אַריינגעגאָסן אין דער קאַווע. - די נערוון. מ'דאַרף האָבן אַ קאָמפּיוטער, ניט קיין קאָפּ, אַלע תּירוצים צו סינכראָניזירן...

פֿון זיך אַליין, כמעט אָן ירוחימס אַריינמישונג, האָט דער בלייפֿעדער אָנגעדרייט אַ נומער אויפֿן טעלעפֿאָן־דיסק. ער האָט געוואַרט אויפֿן אָפּגערעדטן צייכן, אַז מען קאַן רעדן, אַז מערקע איז אַליין.

"מיינע נערוון. מ'דריקט מיר דאָ ממש צו צו דער וואַנט. מ'קוועטש אויס פֿון מיר דאָס לעצטע ביסל מענטשלעכקייט, ממש אינקוויזיציע. יעדער וויל איך זאָל העלפֿן דורכפֿירן זיין פּראָיעקט... זיך אַרומרייסן מיט אַלעמען פֿאַר זיינעטוועגן... זיך איינשאַפֿן שונאים".

דער טאָן, די צוגעקליבענע רייד האָבן געקלונגען ווי אַ פֿאַרענטפֿערונג. ירוחים האָט געשפּירט מערקעס אָטעם אין טרייבל. ער איז געווען איינגעהאַלטן, נערוועז, ניט צו פֿאַרלירן אַ וואָרט וואָס ער זאָגט דאָ. איר שווייגן האָט ער אָנגענומען ווי אַ פֿאַרגעבונג. ער איז געוואָרן לעבעדיקער.

"מאָרגן איז די זיצונג צווישן ניין און האַלב נאָך... נאָר געדענק: צוערשט דעם וויסן שליסל און דערנאָך דעם געלן, מיטן גרינעם רינגל. צינד ניט אָן דאָס ליכט. ברענדי איז אויפֿן זעלבן אָרט..."

זי האָט קיין מאָל ניט געמאַכט קיין טעות מיט די שליסלען. זי האָט איבערגעלאָזט דעם אויטאָ אין אַ זייטיקער גאַס. אַלץ האָט ירוחים פֿאָרויס געזען. ער איז ניט געווען פֿון די, וואָס פֿאַרלאָזן זיך אויף ניסים. דאָס זיכערסטע אָרט איז דאָס זייטיקע צימער נעבן ביוראָ. צופֿעליק שטייט דאָרטן אַן אַלטע קאַנאַפּע. כאָטש זי האָט אָנגעוויזן אויף באַקוועמערע ערטער פֿאַר אַ באַגעגעניש, וואָס זענען פּונקט אַזוי זיכער, האָט זי פֿאָרט געקענט ירוחימען: דאָס פֿאַרגרייטן די פֿאַרענטפֿערונג נאָך איידער מען פֿאַרלאַנגט עס פֿון אים. דאָס איז געווען זיין צווייטע נאַטור. זיכער - איז ניט געווען גענוג פֿאַר אים. ער האָט געוואָלט זיין אַבסאָלוט זיכער.

מיטן ביוו צום מיניסטער איז שוין ניט געווען אַזוי גלאַטיק. דאָס מיסט־קערבל איז פֿול געווען מיט צעקנייטשטע פּאַפּירלעך. דאָ האָט זיך שוין געפֿאָדערט ניט קיין קאָמפּאָזיציע, געדרייטע פּיאות און שמעטערלינגען (פּערפֿורמירטע וואָסער - האָט ער זיך דערמאָנט די רייד פֿון ליטוואַק) נאָר לעגאַלע טערמינען, קלאָרקייט אין אויסדרוק, דירעקטער צוגאַנג. אַ וויכטיקע אונטערנעמונג הענגט אָפּ פֿון ביוו, און אַ מיניסטער האָט ניט קיין צייט צו לייענען לאַנגע מליצה.

"עס איז ניט אַזוי פּשוט" - האָט ירוחים צו זיך אַ זאָג געטאָן, און פֿאַרלייגט אַ ניי בלעטל אין דער שרייב־מאַשין. אומדערוואַרט האָט זיך דער טעלעפֿאָן צעקלונגען. נאָך איידער ער האָט באַוויזן אָפּצוזאָגן דעם אָנגענומענעם פּזמון: קלוב "פּראָספּעקט", האָט ער באַלד דערהערט דעם היימישן האַלאָ!

- האָסט זיך פֿאַרבענקט נאָך מיר? - האָט ער שטיפֿעריש אַ פֿרעג געטאָן ליבען. אָבער דאָס האַרץ האָט גענומען האַסטיקער קלאַפּן. אין וואָסערע צוויי שעה וועט ער שוין זיין אין דער היים, און דאַן קאָן זי אים לאָזן וויסן דאָס, וואָס עס איז נויטיק, ער זאָל וויסן. צו וואָס זשע איז דאָס קלינגען?

איר שטים איז געווען אויפֿגעהייטערט, אפֿשר אַ טראָפּן אויפֿגערעגט. ירוחים האָט זיך ניט געקאָנט כאַפּן, וואָס הינטער דעם טאָן שטעקט, מאָדנע: לעבסט אָפּ מיט אַ

מענטשן כמעט אַ לעבן, און פּאָרט פאַרבלייבן פאַרבאָרגענישן, וועלכע דו קאָנסט ניט פאַרשטיין. זיינע נערוון - תמיד אָנגעשפּאַנטע. אומעטום זוכט ער סימנים. עס קאָן תמיד געשען דאָס אומדערוואַרטע.

- געהאַט היינט אַן איבעראַשנדיקע באַגעגעניש - הערט ער ליבעס שטים - און געוויער געוואָרן...

- אַהאַ - אַ ציטער איז אַדורך איבער ירוחימס ביינער. אַצינד הייבט זיך עס אָן; אַצינד וועט ער שטיין פאַרן משפט פון לעבן. אַצינד, הייסט עס, וועט קלאָר ווערן וואָס פאַראַ ווערט עס האָבן זיינע פעיקייטן צו באַהערשן סיטואַציעס... דער ערשטער כלל: שווייגן איז גאָלד. האָט ער געשוויגן.

ליבע האָט זיך ניט געקאָנט דערוואַרטן אויף אים, ווי ווייט די נייגעריקייט האָט אים פאַראינטריגירט האָט זי ווייטער געפּלאַפּלט: - איך האָב פאַרבעטן מענטשן אויף מאָרגן אָוונט... מען דאַרף אַמאָל זען פריינד אויך.

- אוממעגלעך - האָט ירוחים אַריינגעברילט אין טרייבל - מאָרגן האָבן מיר אַן אויסעראָרדנטלעכע זיצונג...

ווייזט אויס - ליבע האָט זיך גאָרניט ווייסנדיק געמאַכט פון ירוחים'ס רייד. אפשר גאָר איינפאַך, זי האָט זיי ניט דערהערט, אָדער - ערגער נאָך: זי איגנאָרירט אים פשוט. עפּעס ווייס זי, וואָס ער ווייס נאָך ניט. אין זי זיכער ביי זיך. אַ פרוי פון אַ שקלאַף צעבונטעוועט זיך אויך אַמאָל.

-יאָ, זיי וועלן מאָרגן קומען צווישן ניין און האַלב נאָך...

- אוממענגלעך - האָט ירוחים אויסגערופן מיט אַ פרעמדער שטים, וואָס האָט אים אַליין אַ גרילץ געטאָן אין אויער. דער גאַנצער ענין האָט אים אויסגעזען ניט גלאַטיק.

"ווען האָבן זיי דאָס לעצטע מאָל געהאַט געסט? דאָס קאָן ער זיך ניט דערמאָנען... און וואָס איז מיט אַמאָל געשען? האָט זי צופעליק אונטערגערערט זיין טעלעפאָן געשפּרעך?"

- איך ווייס, איך ווייס - האָט ליבע ווייטער גערעדט, פונקט ווי זי וואָלט שוין אַלץ געוווּסט, און דאָס, וואָס ירוחים האָט נאָר וואָס געזאָגט, זענען אַרויסגעוואָרפענע רייד. וואַרט זי, ער זאָל זיך פאַררייד? ליבע האָט ניט פאַרשטאַנען זיין אויפרעגונג;

- זיי ניט אַזוי צעיאָכמעט. נעם אַביסל ברענדי, ס'פלעשל שטייט ביי דיר אין שרייב-טיש...

ירוחים האָט שוין פאַרשטאַנען. ער האָט גאָרניט געפרעגט. דאָס איז עס. אונטערגעהערט. פאַרפּלאָנטערט די דראָטן. אָבער ליבע האָט ניט אָפּגעלאָזן. - דיין פרעזידענט - מיסטער שוואַרצקאָפּ האָט מיר שוין אַלץ דערציילט.

"איך האָב אָבער באַלד געוווּסט". - לויפט ירוחימען דורך אַ געדאַנק.

ירוחים האָט זיך דערפילט ווי אין אַ ווינדע, וואָס לאָזט זיך אַראָפּ צו שנעל. עס האָט אים פאַרפעלט אָטעם. "ער האָט מיר נאָכגעקוקט... ער האָט מיר פאַררעדט מיט קליינוקייטן, איך זאָל זיך ניט כאַפּן וווּהין ער צילט. אַצינד ציען זיי ביידע די נשמה פון מיר... מ'האָט פאַרבעטן געסט. אפשר איז צווישן זיי אויך דאָ אַ סוד. די געסט וועלן זיין דערביי. מ'וועט דערציילן וועגן פאַרפּלאָנטערטע טעלעפאָנדראָטן... אונטערגעהערטע געשפּרעכן... פּאַוואָלינקע וועלן זיי אויסוואַרטן, איך זאָל פאַרלירן די נערוון און נעמען פּלאָנטערן מיטן צונג, זיי ווילן מיר כאַפּן ביי אַ וואָרט..."

- יאָ - האָט ליבע ניט געקאָנט באַנעמען זיין שווייגן - געטראָפן דעם שוואַרצקאָפּ אין עקלען סטריט. ער האָט מיר פאַרבעטן אויף אַ גלעזל קאַווע. ער איז אַ מבין ←

פיניע פלאָטקין

## ווידער אין וועג

אָפּט קומט אין זכרון
דער אַלטער איינוועגס,
ווו איך האָב אָן מורא
געטראָטן.
איצט שטיי איך פאַרלוירן
אינמיטן אַ "פּריוויי",
ווו אָפּשטעלן זיך
איז פאַרבאָטן.
אַ בחור אַ מזיק
דערזעט, ווו איך שטיי -
מיין צעמישטקייט, די געפאַר
און ברענגט מיך צו פירן
ביז דעם טראָטואַר.
אַ, בחור אַ מזיק -
געזונט זאָל ער זיין!
איך וואָלט אים געווונטשן
דערפאָלג, לאַנגע יאָרן,
נאָר ער איז,
אַזוי ווי אַ הירש,
ניט געוואָרן.
יאָ, ניט געוואָרן
אין מיטן דערינען.
איך האָב אים געזוכט
און געאיילט זיך געפינען.
איז טאָקע אַרויס פון המון
דער באַשערטער
מיט זיינע געציילטע
צוויי הייליקע ווערטער -
פון לידער אַ שורה,
אַן אויסצוג פון רעדעס.
מיט גרויס פאַרגעניגן
ער ברענגט זיי אַרויס:
"צו ווידערזען, דיעדאַ,
געזונט זאָלט איר זיין!"

## נעמט נישט אין אַכט

איך בין מיט דער וועלט פאַרבונדן -
איך זע זי מיט אָפענע אויגן...
אַ, נעמט נישט אין אַכט מיינע וווּנדן,
וואָס קענען נישט ווערן פאַרצויגן.
אויף זיי די מלחמה לויערט,
אויף זיי דער ניטגוטער קלעטערט.
זיי גיבן צו וויסן, זיי נויען ←

---

אויף דיר. ער שאַצט אָפּ דיין אַרבעט פאַרן קלוב. ער קאָן זיך גאָרניט פאָרשטעלן - האָט ער מיר געזאָגט - ווי וואָלט דער קלוב געקאָנט פונקציאָנירן אָן דיר... טאַקע ער האָט מיר פאַרזיכערט: איר קאָנט פאַרבעטן מענטשן אויף מאָרגן. קיין שום זיצונגען מאָרגן. מאָרגן ביי נאַכט איז דער מאַן אייערער. נו - איצט ווייסטו שוין אַלץ...

אַ קאַלטער שווייס האָט ירוחימען באַשלאָגן. די אָנגעשפּאַנטע נערוון זענען מיט אַמאָל לויז געוואָרן. מיט ציטערדיקע הענט האָט ער אַוועקגעלייגט ס'טרייבל.

באַזונדערס, ווען ס׳בייט זיך דער וועטער.
ער פילט ווען אין צימער ווערט קעלטער,
ער ווייסט וואָס אַצינד איך וואָלט וועלן.
אָ, נעמט נישט אין אַכט מיין עלטער,
ביז איך אויף די פיס קאָן זיך שטעלן.

אַפּריל, 2000

## וואָס דאַרף איך

אויב ס׳פאָדערט זיך שטיין -
שטיי איך,
אויב ס׳פאָדערט זיך גיין -
גיי איך.
איך גיי און איך זע -
וואָס זע איך?
איך גיי און איך הער -
וואָס הער איך?
זיין אַ גאַסט אין המון -
נישט שווער איז,
דערציילן וואָס איך מיין,
מיין באַגער איז.
איך וועל מאַכן ניטש ווייניק
טריט אַזוינע,
ביז די אומרויקע וועלט
וועט דערזען זיי.
זי וועט, מעגלעך, פאַרשטיין,
וואָס איך דאַרף,
וואָס איך זוך -
אַז מע גייט - דאַרף מען גיין,
אַז מע פאַלט -שטייט מען אויף
מע שטייט אויף אָן געשריי,
ווען, אַפילו, ס׳טוט ווי -
אומדערטרעגלעך טוט וויי,
ביז מיר קומען צו זיך,
ביז מיר גלייכן זיך איים
און ווידער פאָרויס...
און ווידער פאָרויס...

## זעקס בעריאָזקעס

ס׳פליט און קומט צו פליען אַ זשוראַוו אַ יונגער
אָן אַ סך באַגלייטער, יעדער טאָג באַזונדער.
ער צעשפרייט אָן מורא נידריק זיינע פליגל,
דאָרט, ווו אויסגעהרגעט מיינע קרובים ליגן,
דאָרטן, ווי מצבות, אָן אופזיכט, קליינע,
זעקס בעריאָזקעס שטייען, בייגן זיך און וויינען.

---

אַבאָנירט און שטיצט

# חשבון

די איינציקע יידישע צייטשריפט אין די מערב־שטאַטן פון אַמעריקע

משה וואָלף

# חנה סענעשס "געבענטשטע ליכט" איז נישט פאַרלאָשן געוואָרן.

**(צום 60־סטן יאָרצייט)**

"והנה הסנה בוער באש, והסנה איננו אוכל" (שמות ג, 2)
"ערשט דער דאָרן ברענט אין פייער,
און דער דאָרן ווערט ניט פאַרצערט" (יהואָש)

אין אַלע זכרונות פון אירע פריינד קומט אויף חנה ווי אַ שיין אַריסטאָקראַטיש שוואַרצהאָריק מיידל, מיט ברייט צעעפנטע גרוי־בלויע אויגן, אַ מילדע, ברייטהאַרציקע און אַ טאַלאַנטפולע חכמה. אָבער נישט אין איר כאַראַקטער און נישט אין איר דערציונג איז נישט צו געפינען אַ סימן פון אויסערגעוויינלעכער געוואַגטקייט און ווילנסקראַפט, וועלכע זי האָט אַרויסגעוויזן שפּעטער. חנה סענעש איז ניט אַריין אין צעטל פון פאָלקסהעלדן. אָבער זי - די פאַרוואָרפענע אין דייטשישן הינטערלאַנד, די דריי און צוואָנציק־יאָריקע פאַראַשוטיסטין, וואָס האָט אונטער שרעקלעכע פּייניקונגען ניט אַרויסגעלאָזט פון מויל קיין איין וואָרט קעגן אירע חברים, און איז אומגעקומען אין דער אונגאַרישער טערמע - פאַרדינט, אַז זי זאָל פאַרנעמען אַ בכבודיק אָרט צווישן די העלדן פון אונדזער פּיינפולער היסטאָריע.

חנה - גערופענע אין דער היים, אַניקאָ - איז געבוירן געוואָרן דעם 27־טן יולי, 1921 אין בודאַפּעשט אין אַן אַסימילירטער פאַרמעגלעכער פאַמיליע. איר פאָטער, בעלאַ סענעש, אַ הצלחהדיקער דראַמאַטורג און זשורנאַליסט, איז געשטאָרבן פון אַ האַרץ־אַטאַק, ווען חנה איז נאָך נישט געווען זעקס יאָר אַלט. פון דעסטוועגן, לויט איר טאָגבוך, איז איר קינדהייט געווען אַ זאָרגלאָזע. אין דער אונגאַרישער גימנאַזיע איז זי געווען די בעסטע שילערין. זי האָט זיך אויסגעצייכנט מיט איר גלענצנדיקן זיכרון, מיט איר הונגער צו וויסנשאַפטן און מיט איר איידעלער באַציונג צו די מיטשילער און צו מענטשן בכלל. פון קינדווייז אָן האָט זי זיך אויסגעטיילט מיט איר אויסגעשפּראָכענער אָרנטלעכקייט, זעלבסטקריטיק און מיט אַ שטאַרקן אונטערבאַוווסטזיניקן שליחות־געפיל.

אין וואָס זשע האָט געזאָלט באַשטיין איר שליחות? - זי האָט געהאַט דערפאָלג אין פאַרשיידענע געביטן. זי האָט אַ סך געלייענט, אָפט באַזוכט טעאַטער און קאָנצערטן. פיל מאָל מיט איר מאַמע, קאַטערינאַ און מיט איר ייונגערן ברודער, גיאָראַ, אַרומגערייזט איבער פאַרשיידענע לענדער, געווען אַקטיוו אין ספּאָרט. טאָ, אין וואָס זשע איז באַשטאַנען איר באַגער צו ווערן? ווערן אַ שרייבערין, ווי איר פאָטער? - איין זאַך איז געווען פאַר איר קלאָר - זי וויל ניט זיין אַ מיטלמעסיקע. - "זיין אַ פרוי, אַ שרייבערין איז מיין טרוים" - אַזוי האָט זי אין עלטער פון 15 יאָר פאַרשריבן אין איר טאָגבוך. (דרך אגב, דער דאָזיקער טאָגבוך דערציילט דעם לייענער, וויאַזוי פון אַ פשוט, - כאָטש אויך אַ טאַלאַנטירט קינד, איז אויסגעוואָקסן אַ דערשטוינענדיק־צילגעווענדטע פרוי).

איר יידישער זעלבסטבאַוווסטזיין האָט זיך אויסגעפאָרעמט שפּעטער. אין 1937, אין עלטער פון 16 יאָר האָט חנה סענעש צום ערשטן מאָל זיך צוזאַמענגעשטויסן מיט אַן אָנגעצילטער קעגן איר, אַנטיסעמיטישער אַקציע. אירע מיטשילער האָבן זי, די צוממיינסטן באַהאַוונטע שילערין אין דער אונגאַרישער און אַלוועלטלעכער ליטעראַטור - אויסגעשלאָסן פון דער פאַרוואַלטונג פונעם ליטעראַרישן קרייז, נאָר דערפאַר ווייל זי איז אַ יידישקע. זי האָט באַלד דערלאַנגט דער שול־דירעקציע אַן אָנקלאַגע וועגן דעם

דאָזיקן אַנטיסעמיטישן אויספאַל פון אירע חברים, אויף וועלכן זי האָט קיין ענטפער נישט באַקומען.

וועגן דעם האָט חנה געגעבן צו וויסן איר עלטערן ברודער, דיערד, וועלכער האָט מיט אַ יאָר פריער געהאַט פאַרלאָזט בודאַפעשט און זיך געלערנט אין פּאַריז, און זי האָט צוגעגעבן, אַז זי וואָלט אויך אַוועק, נאָר, זי קאָן נישט איבערלאָזן די מאַמע עלנט אַליין, "באַזונדערס אין אַזאַ געפערלעכער צייט". חנהס מורא־געפיל, אַז די מלחמה וועט אין גיכן אויסברעכן, וואַקסט אָן מיט יעדן חודש, כאָטש מיטן שכל האָט זי נישט געקאָנט זיך פאָרשטעלן, אַז דער שלום־צושטאַנד קאָן אין גיכן זיך ענדיקן.

אין איר טאָגבוך פאַר אָקטאָבער־דעצעמבער 1938 פאַרשרייבט זי: "ס'דאַכט זיך מיר, אַז איך ווער אַ ציוניסטין. איצט פיל איך, אַז איך בין אַ יידישקע, און איך גרויס זיך מיט דעם. מיין גרעסטער באַגער איז צו עולה זיין קיין ארץ ישראל און דאָרט אַרבעטן". פון יענער צייט הערט זי ניט אויף צו טראַכטן וועגן דער דאָזיקער מעגלעכקייט.

אין יוני 1939 באַקומט די 17 יאָריקע חנה די נייטיקע דאָקומענטן אויף צו קומען קיין פּאַלעסטינע. מיט ביטערן געוויסן, אַז זי לאָזט איבער אויף הפקר איר מאַמע, פאַרלאָזט זי איר היים. זי באַזעצט זיך אין מושב נהלל אין עמק יזרעאל. דאָרט קומט זי אָן אין דעם לאַנדווירטשאַפטלעכן טעכניקום, וועלכן זי פאַרענדיקט מיט גרויס דערפאָלג. זי באַזוכט פיל היסטאָרישע ערטער, ווערט באַצויבערט פון דעם ים כנרת, און גערירט פון רחלס לידער, וועלכע זי האָט אַרויסגענומען פון דעם ספּעציעלן קעסטעלע נעבן דער מצבה. זי קערט זיך אום אָן איבערגעפילטע מיט לירישע איינדרוקן און טרעט אַריין אין קבוץ שדות־ים. דאָרט הויבט זי אָן צו דיכטן. צווישן אַנדערע - פּערזן, אין וועלכע זי דריקט אויס איר ליבע צו דער ישראל־ערד און איר נאָענטקייט צו דעם יידישן פאָלק:

"דאָרטן - דער ברעג, דער נאָענטער און ליבער,
דער גאָלדענער ברעג פון מיין לאַנד.
דאָ, ביי די אוראַלטע חורבות
וועלן מיר אויסהויכן ווערטער:
מיר האָבן זיך אומגעקערט,
מיר זענען דאָ!
און די שטיינער, די שטומע, ענטפערן:
צוויי טויזנט יאָר אויף אייך, געוואַרט האָבן מיר".

חנהס דראַנג און אינערלעכער פייער "ניט צו זיין קיין מיטלמעסיקע" לאָזט זי נישט רוען. פיל מאָל ווענדט זי זיך צו דער אָנפירערשאַפט פון קבוץ. מען זאָל זי אויסנוצן אויף אַ מער שווערער און אחריותדיקער אַרבעט. אין אַ יאָר אַרום, קומענדיק אַנטקעגן חנהס עקשנותדיקע פאָדערונגען, שיקט דער קיבוץ חנהן אויף אַ נייעם פּלאַץ אין קסריה, צו גרינדן אַ צווייטן אָפּטייל. צו יענער צייט זענען דאָרט געשטאַנען דריי קליינע געצעלטעלעך, אַ צונויפגעלייגט פון שטיינער ביידל און אַ פישער־פּאַלאַטקע. אין דער אָרעמער, אָבער ציכטיקער אַטמאָספערע, וואָס האָט סימבאָליזירט אַ נייעם אָנהויב, פאַרפאַסט זי אַ ליד, וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן נאָך איר מאַרטירער טויט:

..."גאָט, מיין גאָט
זאָל ניט זיין קיין סוף דאָ,

– צום זאַמד און צום ים
– צום רויש פון דעם וואַסער
– צום שימער פון דער זון
און צו דער תפילה פון אַ מאַן".

איינצייטיק וואַקסט חנהס בענקשאַפט נאָך דער מאַמען. אין יאַנואַר 1943 באַשליסט זי זיך אומקערן אַהיים – העלפן די יוגנטלעכע עמיגרירן און ראַטעווען די מאַמע פון טויט־געפאַר. נאָך אַ חודש פון זוכן אַ וועג צו רעאַליזירן איר פּאַרטראַכט, קומט צו איר אַ חבר פון קיבוץ "כנרת". ער דערציילט איר, אַז די יידישע אַגענץ (די סוכנות) – די ניט אָפיציעלע רעגירונג פון דעם פּאַלעסטינער יידנטום – האָט שוין פיל מאָל פאָרגעלייגט די ענגלישע מאַכט־אָרגאַנען קאָנקרעטע פּלענער אַריינצושיקן אין, די דורך דער דייטשישער אַרמיי אָקופּירטע לענדער, פרייוויליקע יידישע דיווערסאַנטן־גרופּעס, צווישן אַנדערע – אַ ספּעציעלן אָפּטייל קיין פּוילן, כדי צושטעלן געווער פאַר די אונטערערד־קעמפער פון וואַרשעווער געטאָ.

צו יענער צייט האָבן שוין מער פון 30 טויזנט פּאַלעסטינער יידן געדינט אין דער ענגלישער אַרמיי. און ווען ס'איז באַוווסט געוואָרן וועגן דעם אויסמאָרדן די יידן אין פּוילן, האָט דער יישוב באַשלאָסן אויספילן אַ רעטונג־אָפּעראַציע. די הגנה (יידישע זעלבשוץ־אָרגאַניזאַציע) האָט געוואָלט שיקן פרייוויליקע, כדי צו שאַפן יוגנטלעכע פּאַרטיזאַנישע שלאַכט־אָטריאַדן, גרייטע צו שלאָגן די דייטשישע מחבלים, און איינצייטיק ראַטעווען פון טויט די זקנים, פרויען און קינדער. באַזונדערס שאַרף־אַקטועל איז געוואָרן אַזאַ אַקציע, ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבן דער אויפשטאַנד פון וואַרשעווער געטאָ.

די ענגלישע אָנפירער האָבן אַ לאַנגע צייט אָפּגעוואָרפן אַלע פאָרשלאָגן. נאָר אין זומער 1943 האָבן זיי אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, אַז זיי נייטיקן זיך אין מענטשן, וועלכע דאַרפן, האַנט ביי האַנט, מיטאַרבעטן מיט די באַלקאַנער פּאַרטיזאַנען און מיט דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג אין צפון איטאַליע. הונדערטער אויסמושטרירטע יידישע יוגנטלעכע זענען געווען גרייט אַריבערגיין די פּראָגט־ליניעס אויף אויסצופילן זייער פּלאַן. אָבער די ענגלענדער האָבן ביז גאָר באַגרענעצט דעם פאַרמעסט פון דער אויספּלאַנירטער אָפּעראַציע, און געגעבן זייער הסכמה נאָר פאַר אַ גרופּע פון 32 יידישע פּאַלעסטינער פרייוויליקע.

דער אויבן דערמאָנטער פריינד האָט חנהן געגעבן צו וויסן, אַז ער, גופא, איז באַשטימט געוואָרן אָפּצוקלייבן די יונגעלייט, וועלכע דאַרפן אַריין אין דער דאָזיקער גרופּע, און ער קאָן זי מיטנעמען מיט זיך.

די ענגלישע אַרמיי האָט די גרופּע איינגעגלידערט אין אַ באַזונדערער פּאַראַשוט־אָפּטיילונג, וואָס האָט זיך דעמאָלט געפונען אין מצרים.

אין דעם זעלבן טאָג, ווען חנה האָט באַדאַרפט צוזאַמען מיט דער גרופּע אָפּפליען קיין קאַיר, איז פון פּאַריז קיין חיפה אָנגעגעקומען איר ברודער, דיערד. אַלע מיטגלידער פון דער גרופּע האָבן באַשלאָסן אָפּלייגן דעם אָפּפלי אויף אַ טאָג שפּעטער, כדי דער ברודער און די שוועסטער זאָלן האָבן די מעגלעכקייט זיין אַ מעת־לעת צוזאַמען.

אין איר געזעגונגס־בריוו צום סעקרעטאַר פון קבוץ שרייבט זי: "איך לאָז זיך אַוועק אַהין לויט מיין אייגענעם ווילן, און איך בין גליקלעך. איך ווייס גאַנץ גוט, וואָס פּאַראַ געפאַרן וואַרטן אויף מיר. איך האַלט, אָבער, אַז דאָס איז אַן ערע, און – מיין חוב. תמיד און אומעטום וועט אונדז צוגעבן כוח דער געדאַנק, אַז מיר קעמפן אין אייער נאָמען.

נאָך אַ חודש פון איבונגען, אין אָנהויב מערץ 1944, האָט אַן ענגלישער עראָפּלאַן אַריבערגעפירט די גרופּע פּאַראַשוטיסטן קיין יוגאָסלאַוויע. פון דאָרטן האָבן זיי באַדאַרפט אַריבערגיין קיין אונגאַרן, רומעניע און טשעכאָסלאָוואַקיע.

צווישן אַלע פּאַראַשוטיסטן איז חנה געווען די איין און איינציקע פרוי.

איינער פון דער פּאַראַשוטיסטן־גרופּע, דער קינפטיקער שטעלפאַרטרעטער פונעם זכרון־אינסטיטוט ביי דעם מוזעום ידישם, ראובן דפני, איז געווען איר נאָענטער פריינד. דריי חודשים האָבן זיי ביידע אָנטייל גענומען אין די יוגאָסלאַווישע פּאַרטיזאַנען־אָפּעראַציעס.

-"בעת דעם אַריבערגיין די אונגאַרן־גרענעץ" - דערציילט דפני - "האָט חנה אויסגעזען אַ מונטערע און אַן איבערגעפילטע מיט פרייד, זיך געוויצלט און דערציילט קאָמישע עפּיזאָדן פון איר לעבן צווישן די יוגאָסלאַווישע פּאַרטיזאַנען". בעת דעם סכנות־פולן אַריבערשמוגלען די גרענעץ פון אונגאַרן, האָט זי זיך באַפריינדט מיט דעם ישראלדיקן זשורנאַליסט, יואל פלגי. ביידע - דפני און פלגי - האָבן איבערגעלאָזט אינטערעסאַנטע זכרונות וועגן דער ענטוזיאַזם־פולער און מוטיקער קעמפערין אין די שווערסטע אומשטענדן, וועלכע זענען אויסגעפאַלן אויף איר טראַגישן גורל.

ראובן דפני כאַראַקטעריזירט זי ווי אַ געניטע, אייגן־זיכערע און מוטיקע פּאַלעמיסטין. "מיט איר איז געווען ניט גרינג צו דיסקוטירן". דאָך, האָט זי קיין מאָל ניט אַרויסגעוויזן קיין שפור פון פחד, ניט מורא געהאַט פאַר מעגלעכע געפערלעכע שטרויכלונגען, געמונטערט אַלע אירע מיטקעמפער און ניט דערלאָזט זיי זאָלן אַרייפאַלן אין יאוש. איר אינערלעכע איבערצייגונגס־קראַפט האָט באַווירקט די אַנדערע. דפני דערציילט מיט וואָס פאַר אַן ענטוזיאַזם חנה האָט אויפגענומען די ידיעה, אַז אין די נאָענטסטע טעג וועט זיך אָנהייבן די אָפּעראַציע: - "אין וועג צום דאָרף, ווו מיר האָבן צייטווייליק געוווינט, האָט זי די גאַנצע צייט געזונגען און האָט געצוווּנגען אונדז אַלע מיטצוזינגען".

אין זיינע זכרונות שילדערט ער חנהן ווי אַ געשעפּטלעכע, עקשנותדיקע, צילגעווענדטע יונגע פרוי - אַן ערנסטע און צייטנווייז אַפילו - אַ באַטריבטע. יואל פלגי,דאַקעגן, שילדערט אַ ביז גאָר אַנדערע חנה - אַ פריילעכע, אַ לאַכלוסטיקע און כמעט אַ לייכטזיניקע. אָבער, שטרייכט אונטער פלגי, אין יוגאָסלאַוויע האָט חנה זיך געענדערט: "זי איז געוואָרן קילער, האַסטיקער. אירע מיינונגען זענען געוואָרן שאַרף ווי אַ גאַלמעסער".

פון דעסטוועגן, איז גראָד חנה געווען די צוממיינסטן פּאַרזיכטיקע. ניט איין מאָל האָט זי אָפּגעהאַלטן די אַנדערע פון אַריינטרעטן אין אומנוצלעכע קאַמפן מיט די דייטשישע פּאַטרולן אין יוגאָסלאַוויע: "מיר געפינען זיך דאָ ניט צוליב אַוואַנטורעס" - פלעגט זי דערקלערן - "מיר מוזן טייער שאַצן אונדזער לעבן, כדי אויספילן אונדזער הויפּט־חוב - אונדזער וויכטיקסטע אויפגאַבע, צוליב וועלכער מיר געפינען זיך דאָ. מיר טאָרן ניט אומזיסט ריזיקירן".

געוויס האָט חנה פאַרנומען אַ באַזונדער אָרט צווישן די פּאַראַשוטיסטן. די יוגאָסלאַווישע פּאַרטיזאַן־קאָמאַנדירן האָבן זי אָנגערקענט ווי דער לידער פון דער גרופּע, הויך געשאַצט איר געניטקייט און אומשרעקלעכע גרייטקייט מקריב צו זיין איר לעבן פאַר דער רעטונג פון אומשולדיקע מענטשן, פאַר מענטשלעכער גלייכרעכט, אומאָפּהענגיק פון ראַסע און נאַציאַנאַליטעט.

די ידיעה, אַז די דייטשישע אַרמיי האָט אָקופּירט איר געבוירן־לאַנד האָט דערשיטערט חנהן. איצט קאָן זי שוין מער נישט וואַרטן. זי געפינט 3 פליטים, וואָס האָבן געוואָלט עולה זיין קיין ארץ ישראל. און זיי העלפן איר אַריבערגיין די גרענעץ.

דעם 13־טן מאַי 1944 - אין דעם זעלבן טאָג, ווען די דייטשישע מחבלים האָבן אַוועקגעפירט דעם ערשטן יידישן טראַנספּאָרט צו די גאַז־קאַמערן - איז חנה אַריבער די גרענעץ פון אונגאַרן. ביים געזעגענען זיך מיט איר פריינד דפני, גיט זי אים איבער איר לעצט ליד, וואָס איז אין אַ געוויסער מאָס נביאותדיק, ווי זי זאָל האָבן פאָרגעפילט איר אייגענעם סוף:

"געבענטשט זאָל זיין דאָס שוועבעלע, וואָס צינדט אָן די ליכט.
געבענטשט זאָל זיין די ליכט, וואָס ברענט און ווערט צעשמעלצט אין פלאַם.
געבענטשט זאָל זיין דער פלאַם, וואָס טיף אין האַרצן ברענט.
געבענטשט זאָל זיין דאָס האַרץ, וואָס האָט זיך אָפגעשטעלט אין קאַמף
געבענטשט זאָל זיין די ליכט וואָס ברענט און ווערט צעשמעלצט אין פלאַם"

(פרייע איבערזעצונג פון העברעיש - "אשרי הגפרור" מ.וו.)

אין עטלעכע שעה אַרום איז חנה אַריבער די גרענעץ. זי האָט זיך דערקליבן צום ערשטן דערפל ביי דער גרענעץ. די דאָרף־איינוווינער האָבן באַלד זי איבערגעגעבן אין די הענט פון דער גרענעץ־פּאָליציי. חנהן האָט זיך איינגעגעבן פאַרבאַהאַלטן דעם קורץ־כוואַליעדיקן ראַדיאָ־איבערגעבער אין אַ קוסט. אָבער ביי איינעם פון די מיטגייערס האָבן די גרענעץ־פּאָליציאַנטן בעת דעם אונטערזוך געפונען די קאָפּהערערס פונעם אַפּאַראַט. זיי האָבן אָנגעהויבן נישטערן אין די קוסטן און האָבן דעם אַפּאַראַט געפונען.

בעת דעם ערשטן אכזריותדיקן אויספרעג האָט חנה אָנגערופן איר פּסעוודאָנים - מאַריאַ אַנדי. אָבער ווען דער אויספאָרשער האָט איר געוויזן אַ דאָקומענט, אַז אַזאַ נאָמען איז ניט פאַראַן אין בודאַפּעשט, און, אַז איר עכטער נאָמען איז סענעש, האָט זי אומזיניק אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ - "יאָ". אויף אַלע אַנדערע פראַגעס, ניט געקוקט אויף די אָנגרייפנדיקע פייניקונגען, האָט זי אויפגעהערט צו ענטפערן. זי איז אָבער אַריינגעפאַלן אין אַ פאַסטקע: ווען דער רוצח האָט איר געגעבן צו וויסן, אַז איינער פון אירע באַגלייטער האָט זיך מודה געווען און מען וועט אים מאָרגן צעשיסן, האָט זי נישט אויסגעהאַלטן און האָט דערקלערט: - "ניט אמת! דער ראַדיאָ־אַפּאַראַט איז מיינער".

נאָך דעם האָבן זיך אָנגעהויבן נאָך מער שרעקלעכע פייניקונגען. בעת איינער אַן אויספרעגונג האָבן די רוצחים אויסגעהאַקט ביי איר אַ צאָן.

די הענקער האָבן געפאָדערט פון איר, זי זאָל אויסזאָגן דעם ענגלישן קאָד, כדי דעזינפאָרמירן די ענגלישע אַרמיי און פאַרנאַרן זייערע באָמבאַרדיר־אַוויאָנען אין די ראַיאָנען, וווּ ס'וועט זיין גרינג זיי צו פאַרניכטן. חנה האָט עקשנותדיק געשוויגן. כדי צו צווינגען, זי זאָל אָנהויבן ריידן, האָבן די רוצחים זי אַריבערגעפירט קיין בודאַפּעשט.

חנהס מאַמע, קאַטערינאַ, וועלכע האָט ווי פריער געוווינט אין בודאַפּעשט, האָט נישט געקאָנט באַנעמען, פאַרוואָס עס זענען געקומען נאָך איר זשאַנדאַרמען. זיי האָבן איר געזאָגט, אַז מען רופט זי אין אַרמיי־שטאַב ווי אַן עדות. אויף דער פראַגע ווו געפינען זיך אירע קינדער, האָט זי געענטפערט, אַז חנה וווינט אין אַ פערמע ניט ווייט פון חיפה.

אין "שטאַב", האָט מען איר געגעבן צו וויסן, אַז איר טאָכטער, חנה, געפינט זיך אין שכנותדיקן צימער. קאַטאַרינאַ איז אויפגעטרייסלט געוואָרן. די אויספאָרשער האָבן פון איר געפאָדערט, זי זאָל איינרעדן איר טאָכטער, זי זאָל "אַרויסלייגן" דעם אמת. אויב נישט "וועט זי חנהן שוין מער ניט זען.

קאַטערינאַ דערמאָנט זיך: "אויב מען וואָלב מיר פאַרפריער ניט געזאָגט, אַז דאָס איז מיין טאָכטער, וואָלט איך זי נישט דערקענט. אירע ווייכע, כוואַליעדיקע לאָקן זענען געווען שרעקלעך צעשויבערט. איר פון ווונדן צעפּאַסעוועט ,פּנים, האָט אויסגעדריקט שרעקלעכע ליידן, אירע אויגן זענען געווען פאַרגאָסן מיט בלוט".

דערזען די מאַמע, האָט חנה מיט אַ געשריי זיך אַ וואָרף געטאָן אין אירע אָרעמס: - "מאַמעניו, זיי מיר מוחל". אויף עטלעכע מינוט האָט מען זיי איבערגעלאָזט אין דער איינצלקאַמער אַליין. חנה האָט איר דערציילט, אַז דיערד (דער עלטערער זון) לעבט בשלום אין פּאַלעסטינע, און אויך - די סיבות, צוליב וועלכע זי האָט זיך אומגעקערט קיין אונגאַרן. דערנאָך האָט מען קאַטערינאַן אַרויסגעלאָזט פון דער קאַמער, און זי געוואָרנט, אַז אויב איר טאָכטער וועט ניט געבן די נייטיקע ידיעות, וועט מען זי ווידער אַרויסרופן.

אין גיכן האָט מען זי אַרעסטירט און אַוועקגעזעצט אין דער זעלבער טורמע, אין וועלכער ס'האָט זיך געקאָרטשעט פון ווייען איר טאָכטער, חנה. דאָרטן האָט זיך אויך געפונען חנהס חבר פּלגי, וועלכער איז אַריבער די גרענעץ באַזונדער. פּלגי'ן און קאַטערינען האָט זיך איינגעגעבן זיך זען מיט חנהן. ביידע - קאַטערינאַ און פּלגי - זענען ניצול געוואָרן. פון זייערע דערמאָנונגען דערשיינען חנהס לעצטע חודשים פון איר לעבן.

חנה האָט ווי פריער געשוואָרצט אירע טעג אין אַן איינצלקאַמער, נאָר זי האָט זיך ניט אונטערגעגעבן און קיינעם ניט אַרויסגעגעבן. איר האָט זיך איינגעגעבן צו פאַרבינדן מיט אַנדערע אסירים. זי פלעגט זיי מונטערן און אינפאָרמירן וועגן דער לאַגע אין ארץ ישראל. אָן שום מורא פלעגט זי פּאָלעמיזירן מיט די נאַציסטישע אויפזעערס, זיי פירגעזאָגט זייער בייזן סוף.

די סאָוועטישע אַרמיי איז אָנגעגאַנגען מיט איר אָפענסיווע. די אונגאַרישע מאַריאָנעטישע פאַשיסטישע רעגירונג איז געפאַלן. אָנשטאָט איר, איז אויפגעקומען אַ נייע, וועלכע איז געווען גרייט זיך אָפּגעבן אין די הענט פון די אַליאירטע מלוכות.

אין סעפּטעמבער איז חנה אַריבערגעפירט געוואָרן אין אַ טורמע מיט אַ לייכטערן רעזשים. די פאַרהערן זענען געוואָרן זעלטענער. בעת די קורצע שפּאַצירן אין הויף פון דער טורמע, פלעגט חנה זיך טרעפן מיט איר מאַמען און מיט איר חבר פּלגי, און האָט געהאַט די מעגלעכקייט זיך איבערוואַרפן מיט אַ פּאָר ווערטער. חנהס מאַמע, קאַטאַרינאַ, איז באַפרייט געוואָרן.

ווי נאָר זי איז אַרויס פון דער טורמע, האָט זי געדונגען אַן אַדוואָקאַט צו פאַרטיידיקן אין געריכט חנהן, וואָס איז באַשולדיקט געוואָרן אין "פאַרראַט". נאָך דעם, ווי ער האָט זיך באַקענט מיט דעם באַשולדיקונג־אַקט, האָט דער אַדוואָקאַט דערקלערט, אַז חנהן וועט דער געריכט בלי ספק אָנערקענען אַלס "אַ פאַררעטערין", און זי וועט באַשטראָפט ווערן "ניט מער פון פינעף יאָר טורמע".

צום אומגליק, אָבער, נאָך דעם שמועס מיטן אַדוואָקאַט, אין דער צווייטער העלפט פון אָקטאָבער, איז אין אונגאַרן פאָרגעקומען אַ נייע איבערקערעניש - צו דער מאַכט זענען געקומען פאַשיסטן, און די דייטשן האָבן זיך אומגעקערט קיין בודאַפּעשט. איצט האָט חנהן געדראָאט 25 יאָר טורמע, דער אַדוואָקאַט האָט זי אָבער באַרויקט - אין דער טורמע וועט זי ניט לאַנג פאַרבלייבן, ווייל די סאָוועטישע אַרמיי שטייט שוין ביי די טויערן פון בודאַפּעשט און די אונגאַרן־מאַכט וועט בלי ספק קאַפּיטולירן. אין סוף אָקטאָבער האָט דער געריכט זי אָנערקענט ווי אַ פאַררעטערין.

(המשך ז' 40)

יעקב שרת

# כנרת

ווען מיר זיינען אַלע שיין געווען און יונג,
לויטער ריין אַזוי און תמימותדיק ביז גאָר,
האָבן מיר באַזונגען דיך מיט פרייד אָן גבול.
מיט לעגענדעס האָט באַצירט דיך אונדזער דור.
האָסט אין גליל דאָ געהאַט אַ מיידל שיין.
ס׳מיידל האָט אַ ווודערלעכע שטים פאַרמאָגט.
ס׳האָט דאָ אויך געוווינט אַ מתמיד איין אַליין,
און מיט פאָרכט געלערנט תורה טאָג נאָך טאָג.

**רעפרען**

געווען ביסט אַ שטילע
און צאַרט ווי אַ תפילה,
כנרת, און בלויער ווי בלוי.
אַוועק זיינען יאָרן.
ביסט אַנדערש געוואָרן.
דאָך בלייבסטו אונדז טייער אַזוי.

האָסט אין חומש־לאַנד באַוווּנדערערס אָן שיעור,
סערענאַדעס, אָדעס זינגען זיי צו דיר,
ס׳טרעפט, אַ פייף פון אַ שראַפנעל זיך הערט.
נאָר ס׳געזאַנג אַלץ מונטערער, אַלץ שטאַרקער ווערט.
אָ, מיר האָבן אַלע ליב דיך סיי ווי סיי,
ווייס זשע, אייביק וועט דאָס פאָלק דיר זיין געטריי,
וואָר, עס האָט געלערנט אונדז די גרענעץ שלאַכט
אַז ביסט מער ווי אַ לעגענדע, מער אַ סך.

**רעפרען**

געווען ביסט אַ שטילע
און צאַרט ווי אַ תפילה,
כנרת, און בלויער ווי בלוי.
אַוועק זיינען יאָרן,
ביסט אַנדערש געוואָרן.
דאָך בלייבסטו אונדז טייער אַזוי.

איבערגעזעצט פון עברית: **לייב באַראָוויק**

## צוויי לידער

### עדנאַ סט. ווינסענט מילעי

## וואָסער ליפּן כ׳האָב געקושט
## און ווו, פֿאַרוואָס

וואָסער ליפּן כ׳האָב געקושט, און ווו, פֿאַרוואָס
פֿאַרגעסן כ׳האָב, און וואָסער אָרעמס פֿלעגן
ביז באַגין אונטער מיין קאָפּ זיין, נאָר רעגן
איז מיט שדים פֿול היינט נאַכט, און אינעם גלאָז
זיי קלאַפּן, קרעכצן, דערוואַרטנדיק אָן מאָס
אַן עכאָ. און אין מיין האַרץ זיצט שטילע פּיין
נאָך יינגלינגס, וועלכע וועלן מער נישט זיין,
נישט רופֿן מער אין מיטנאַכט מיט געוויין.
אַזוי אין ווינטער איינזאַם שטייט דער בוים
און ווייסט אַוועלכע פֿייגל לויט דער ריי
זענען אַוועק, און ווייסט, אַז צווייגן זענען שטילער
ווי אַ מאָל. איך ווייס נישט וועלכע ליבעס שוין פֿאַרביי,
איך ווייס נאָר בלויז, אַז זומער האָט אַ רגע קוים
אַ זונג געטאָן אין מיר און זינגט נישט מער.

### עדריען ריטש

* * *

דו וווּנדערסט זיך, צי בין איך איינזאַם:
נו גוט, כ׳בין איינזאַם
ווי אַן עראָפּלאַן וואָס פֿליט איינזאַם און גלייך
מיט דער ראַדיאָ־כוואַליע גרייכנדיק
אַריבער סקאַלעס־בערג
צו די בלאָ־סטרוניקע אינדזלען
פֿון אַ פֿליפֿעלד אין אָקעאַן

דו ווילסט פֿרעגן, צי בין איך איינזאַם?
נו, גוט, נאַטירלעך איינזאַם
ווי אַ פֿרוי וואָס פֿאָרט אַרום אין לאַנד
טאָג־איין־טאָג־אויס, לאָזנדיק אַהינטער זיך
מייל נאָך מייל
שטעטלעך, ווו זי וואָלט זיך פֿאַרהאַלטן
און געלעבט, געשטאָרבן דאָרטן איינזאַם

אהרן שפּירא / קרית ביאַליק

# חנהלע
## (דערציילונג)

– איר גלייבט אין אייביקער ליבע? – פרעגט מיך אַנומלט מיין שכן בעת אַ געמיטלעכן סוף־זומערדיקן פאַרנאַכטיקן שמועס אויף דער באַנק פאַרן הויז, וואָס די עיריה האָט אַוועקגעשטעלט פאַר די איינוווינערס פון "גיל הזהב", וועלכע האָבן נישט קיין עלעקטרישע קיל־אַפּאַראַטן אין די דירות, זיי זאָלן האָבן ווו צו אָפּצופרישן די פאַרשוויצטע קערפּערס פון אַ גאַנצן טאָג פאַרשרפטער לופט פון דער אומרחמנות ברענענדיקער זון. ווען די זון לאָזט זיך אַראָפּ אויפן ווייטן האָריזאָנט און אויף דער גאַס בלאָזט אַ לייכט דערפרישנדיק ווינטל, זעצן זיך אויס עלטערע מאַנצבילן און ווייבער אויף די בענק און רעדן זיך אויס זייערע שווערע הערצער.

מיין שכן, אַ ייד אַרום אַכציק, האָט איבערגעלעבט די מלחמה אין ראַטן־פאַרבאַנד, מלחמה געהאַלטן מיט די דייטשן, איז געקומען קיין ישראל באַלד נאָכן אַנטשטיין פון דער מדינה. דאָ האָט ער צענדליקער יאָרן שווער געאַרבעט מפרנס צו זיין דאָס ווייב און דערציִען צוויי זין. שוין אַ פּאָר יאָר ווי זיין ווייב איז געשטאָרבן; זיינע ביידע זין, וואָס האָבן שוין אַליין אייניקלעך, האָבן יונגערהייט איבערגעלאָזט טאַטע־מאַמע און זענען אַוועק קיין אַמעריקע. דאָרטן האָבן זיי חתונה־געהאַט און זיך נישט שלעכט איינגעאָרדנט. זינט יאָרן זענען די זין זיך נוהג איין אָדער צוויי מאָל אין יאָר זיך אַראָפּצוכאַפּן קיין ישראל, – אַ מאָל דער עלטערער, אַ מאָל דער ייִנגערער, – אַ קוק טאָן אויף די אַלטע טאַטע־מאַמע צי זיי לעבן נאָך; זיי איבערלאָזן אַ פּאָר דאָלאַר און פאָרן אַוועק צוריק. נאָך דעם, ווי די מאַמע איז געשטאָרבן, קומען זיי זעלטענער צום אַלטן טאַטן, וואָס זיצט איינער אַליין אין דער צוויי־צימערדיקער דירה, וווהין ער מיטן ווייב זענען אַריין קורץ נאָכן אַרויסגיין אויף פּענסיע.

כל־זמן זיין ווייב האָט געלעבט פלעגט מען אים שטענדיק זען אַן אויפגעהייטערטן. מען פלעגט אָפט זען, ווי ער מיטן ווייב גייען צוזאַמען שפּאַצירן אויף דער גאַס, אָדער אין דער שפּייזקראָם. אין די זומערדיקע פאַרנאַכטן פלעגן זיי זיצן צוזאַמען אויף ←

אויב איך בין איינזאַם
איז עס אוודאי די איינזאַמקייט
פון זיין די ערשטע אינעם מאַרש, איינעטעמען
דעם ערשטן קילן פרימאָרגן בלאָז אין שטאָט
זיין איינע וואַכזאַם
אין אַ הויז איינגעהילט אין שלאָף

אויב איך בין איינזאַם
איז מיטן שיפל צוגעפרוירן צום ברעג
אין לעצט־רויטער שיין פון יאָר
וואָס ווייסט דעם באַטייט, וואָס ווייסט אַז ס'איז נישט
אייז און נישט בלאָטע, נישט ווינטער־ליכט
נאָר האָלץ, וואָס קאָן ברענען.

איבערגעזעצט פון ענגליש:
**משה שקליאַר**

דער באַנק פאַרן הויז, אָבסערווירן די אָנקומענדיקע און אַוועקגייענדיקע שכנים און באַגריסן יעדן מיט אַ פריילעכן "שלום", אָפט אָפּשטעלן עמעצן, בעטן זיך צוזעצן און אויספרעגן, וואָס עס הערט זיך מיטן געזונט, מיט פרנסה, וואָס מאַכן די קינדער, אייניקלעך, און נישט איין מאָל פלעגט דאָס פאַרפּאָלק אַריינבעטן אַ שכן צו זיך אין שטוב אויף אַ גלאָז קאַווע אָדער גאָר אויסצוטרינקען אַ גלעזל שנאַפּס.

זינט זיין ווייב איז געשטאָרבן, האָט ער זיך פאַרעלטערט. דאָס גאַנץ האַרטע לעבן, וואָס ער האָט דורכגעלעבט אין די פופציק יאָר אין לאַנד, האָט זיך מיט אַ מאָל איינגעקריצט אין זיין צעאַקערט, קרענקלעך פנים מיט די צוויי וואַסערדיקע גרויע אויגן, פון וועלכע ער נעמט זעלטן אַראָפּ די דיקע ברילן. די לעצטע צייט איז ער גערן זיך צוצוזעצן נעבן מיר אויף דער באַנק און זיך דורכשמועסן: אַ מאָל וועגן פּאָליטיק, אַ מאָל דערציילן וועגן זיין ווייב, וואָס האָט אָפּגעקרענקט אַ פּאָר יאָר און האָט אויסגעהויכט איר נשמה אין שרעקלעכע יסורים; אַ מאָל פלעגט ער דערמאָנען זיין באַשיידענע פּענסיע, פון וועלכער ער קומט קוים אויס. אַ נס, זאָגט ער, וואָס די זין קומען אַ מאָל צו פאָרן זען וואָס דער טאַטע מאַכט. "קיין גרויס נחת פון די קינדער - זאָגט ער - וואָס האָבן אונדז איבערגעלאָזט אַליין און אַוועק קיין אַמעריקע, האָב איך נישט, און ס'איז נישטאָ מיט וואָס מיך מקנה צו זיין". איז אָט, אַנומלט, ווען מיר זענען געזעסן אויף דער באַנק פאַרטיפט אין אַ שמועס, האָט ער מיך פלוצלינג געפרעגט צי איך גלייב אין אייביקער ליבע?

– אַקעגן וואָס פרעגט איר דאָס? וואָס פאַלט אייך פלוצלינג איין, אַ ייד, וואָס האָט דערלעבט אַ פערטן דור, צו פרעגן אַזאַ שאלה? - האָט איך זיך אָפּגערופן, קוקנדיק אין זיינע מאַטע אויגן.

– הערט מיך אויס, שכן. כ'פיל, אַז כ'מוז זיך אויסרעדן פאַר עמעצן, אַראָפּרעדן פון האַרצן. און איר זענט דאָך אַ ייד, וואָס האַלט אַ פען אין דער האַנט, וועט איר מיך פאַרשטיין. איר זענט אַ מענטש מיט וועמען איך לעב אין גוטע שכנות, ווילט זיך מיר אויסרעדן פאַר אייך מיין ווייטיק, וואָס איך טראָג דאָס גאַנצע לעבן אין האַרצן. כ'האָב עס אַפילו מיין פרוי, זי זאָל זיין אין ליכטיקן גן-עדן, נישט דערציילט. וואָרעם, ווען זי וואָלט געוווסט, אַז אין דער זעלבער צייט ווען מיר לעבן ווי מאַן און ווייב און זי איז די מוטער פון אונדזערע צוויי זין, טראָג איך אין האַרצן אַ ליבע צו אַן אַנדערער, וואָלט זי אוודאי פאַרלאַנגט כ'זאָל זי גטן און וואָלט מיך מסתמא אַרויסגעטריבן פון שטוב...

– ווער איז עס געווען דאָס מיידל, וואָס האָט אייך פאַרכישופט? - האָב איך געפרעגט.

– חנהלע האָט זי געהייסן און כ'האָב זיך פאַרליבט אין איר גלייך דאָס ערשטע מאָל, ווען כ'האָב זי דערזען אַריינקומען אין פאַראיין.

מיין שכן האָט שווער אָפּגעעטעמט. ער האָט אָנגעשטעלט די אויגן אויפן הימל, וואָס האָט שוין געביטן דעם בייטאָגיקן בלויען קאָליר אויף פאַרנאַכטיקן גרוי, ווי ער וואָלט זיך געשעמט מיר קוקן אין די אויגן. ער האָט דערציילט:

– דאָס איז געווען בערך צוויי יאָר פאַרן אויסבראָך פון דער מלחמה. איך בין דאַן געווען אַן אַכצן-יאָריקער בחור. כ'האָב געאַרבעט אין אַ מאַנופאַקטור-געשעפט אויף גענשע-גאַס, אין וואַרשע, און כ'בין שוין געווען אַ שטיקל צייט אַ מיטגליד אין פאַראיין פון האַנדלס-אָנגעשטעלטע. חנהלע, אין מיין עלטער, איז געקומען קיין וואַרשע פון אַן אָרעם פּראָווינץ-שטעטל, יאַנעוו, לובלינער געגנט. נאָך דעם ,ווי זי האָט געענדיקט עטלעכע קלאַסן בית-יעקב-שול און עטלעכע יאָר זיך אַרומגעדרייט פּוסט-און-פּאַס אין

טאַטע־מאַמעס אָרעם הויז, האָט איר מוטער זי געשיקט קיין וואַרשע צו אירן אַ ברודער, אַ רייכן נאַלעווקער מאַנופאַקטור־סוחר, ער זאָל זי נעמען צו זיך און זאָרגן פֿאַר זיין פּלימעניצעס צוקונפט. דער פעטער אירער האָט זי גענומען צו זיך אין געשעפט און, ווי זי פלעגט זיך פאַר מיר פאַרטרויען, זי אויסגענוצט נישט ווי אַ פּלימעניצע, נאָר ווי אַ דינסטמיידל...

דאָס גאַנצע לעבן שטייט חנהלע פאַר מיינע אויגן אין איר פולער פראַכט ווי זי האָט דעמאָלט אויסגעזען. זי איז געווען פון מיין הייך, שלאַנק, ווי אויסגעפורעמט פון אַ סקולפּטאָר. אירע צוויי שמייכלענדיקע קאַרשן־אויגן, דאָס געטאָקטע נעזל, איר קאָפּ גענדיכטע, שוואַרצע געלאָקטע האָר פאַרקעמט אין אַ פּאָלקע, האָבן מיך פאַרכישופט, ווי נאָר כ׳האָב זי דערזען.

– כ׳זע, שכן, אַז איר קוקט אויף מיר ווי אויף אַ באַנומענעם – זאָגט מיר דער ייד. – גלויבט מיר, אַז כ׳בין ביים פולן זינען. איר קענט דאָך מיך נישט פון היינט. די מעשה איז, אַז זינט מיין ווייב איז געשטאָרבן און כ׳בין געבליבן איינזאַם, הערט חנהלע נישט אויף צו שטיין פאַר מיינע אויגן. אָפט, ביי נאַכט, אין שלאָף, קומט זי מיר צו חלום, און ס׳דאַכט זיך מיר, אַז זי האָט צו מיר אַ טענה, פאַר וואָס כ׳האָב זי איבערגעלאָזט ביי די דייטשן און אַליין אַוועק זיך ראַטעווען צו די סאָוועטן...

איר פרעגט, פאַר וואָס איך חלום וועגן חנהלען און נישט וועגן מיין נישט לאַנג פאַרשטאָרבן ווייב, די מוטער פון מיינע צוויי זין, מיט וועמען כ׳האָבן אָפּגעלעבט פינף צענדליק יאָר, קען איך אייך דערויף נישט ענטפערן. ס׳איז אפשר דערפאַר, ווייל כ׳האָב קיין מאָל נישט אויפגעהערט צו ליבן חנהלען, אַפילו שוין האָבנדיק אַ ווייב מיט קינדער און זייענדיק פאַרטאָן איבערן קאָפּ אין שאַפן פאַר זיי פרנסה.

כ׳בין פון דער נאַטור שטענדיק געווען אַ דרייסטער. ווען כ׳האָב דערזען חנהלעס אויגן אויף איר ליכטיק פּנים, האָט מיך אַרומגענומען אַן אומפאַרשטענדלעך זיס געפיל, וואָס האָט מיך פאַרשיכורט. כ׳האָב פּלוצלינג דערפילט אַ נאָענטקייט צו איר, ווי כ׳וואָלט זי געקענט פון לאַנג, און אין מיין געדאַנק איז געבוירן געוואָרן אַ באַגער, אַז דאָס מיידל מוז זיין מיינע!...

כ׳בין צו איר צו און זיך פאָגעשטעלט.

חנהלע האָט זיך שעמעוודיק פאַררויטלט און זיך אָנגערופן: "כ׳בין נישט געקומען אין פאַראיין זוכן ייִנגלעך. כ׳בין אַן אָנגעשטעלטע אין אַ מאַנופאַקטור־געשעפט, ווייל איך ווערן אַ מיטגליד אין פאַראיין."

וואָס איך האָב איר דעמאָלט געענטפערט, געדענק איך נישט. כ׳געדענק בלויז, אַז כ׳האָב זי נישט אָפּגעלאָזט און אין קורצן פלעגן מיר שוין שפּאַצירן אין די שפּעטע נאַכט־שעהען איבער די וואַרשעווער גאַסן אַרומגענומענע ביי די טאַליעס. אין איינער פון יענע נעכט האָבן מיר זיך געשווירן אייביקע ליבע...

צוויי יאָר, אָדער מערער, האָט אָנגעהאַלטן אונדזער ליבע. יעדן פרימאָרגן פלעג איך מיט אומגעדולד וואַרטן דער טאָג זאָל שנעל אַריבערגיין, איך זאָל קומען אין פאַראיין טרעפן חנהלען און פון דאָרט גיין מיט איר שפּאַצירן איבער די פינצטערע גאַסן, האַלטן זי אַרומגענומען און טרוימען וועגן אונדזער חתונה. יענע צוויי יאָר איז קיין מער גליקלעכער מענטש פון מיר אויף דער וועלט נישט געווען.

וויסנדיק אַז ביידע קענען מיר נישט האָפן אויף הילף פון אונדזערע עלטערן, ווייל ביידע האָבן מיר געשטאַמט פון אָרעמע היימען, האָבן מיר גענומען אָפּשפּאָרן אַ גראָשן צו אַ גראָשן צו קענען דינגען אַ דירה און שטעלן אַ חופּה.

דעם יום־טוב שבועות, וואָס איז יענעם יאָר אויסגעפאַלן דריי חדשים פאַרן אויסבראָך פון דער מלחמה, וועל איך קיין מאָל נישט פאַרגעסן.

חנהלעס פעטער מיט זיין הוזגעזינד זענען אויף יענעם יום־טוב געווען איינגעלאַדן צו שווער און שוויגער קיין לאָדזש. דער שווער איז געווען אַ דאָרטיקער מאַנופאַקטור־פאַבריקאַנט. דער פעטער האָט נישט געוואָלט איבערלאָזן זיין רייכע דירה אויף גאָטס באַראָט, האָט ער איבערגעלאָזט חנהלען זי זאָל די דירה היטן. פאַר אונדזערעביידנס יונגע הערצער איז געקומען אַ גלענצנדיקע געלעגנהייט צו קענען פאַרברענגען צוזאַמען אונטער איין דאַך. חנהלע האָט געהאַט דערציילט איר פעטער, אַז זי האָט זיך באַקענט מיט אַ בחור, מיט וועמען זי וויל חתונה האָבן, און האָט געבעטן דעם פעטער, ער זאָל אים איינלאַדן און באַקענען. איז ער אַרויס אויף איר מיט אַ מענה־לשון: "וואָס הייסט דו האָסט זיך באַקענט מיט אַ בחור? אַ חתן וועלן מיר דיר אויפזוכן. דיין טאַטע־מאַמע וועלן געוויר ווערן. אַז דו שלעפסט זיך אַרום מיט עפּעס אַ יונג, וועלן זיי חס־ושלום עס נישט אויסהאַלטן. דו ווייסט ווער דיין משפּחה איז? דו ווייסט, אַז דיין עלטער־זיידע איז געווען דער גרויסער לובלינער צדיק, רבי עקיבא אייגער? אַ בחור, וואָס פּאַסט פאַר אונדזער ייחוס וועלן מיר דיר אויפזוכן און דיך חתונה מאַכן". חנהלע האָט געמוזט אַראָפּגעשלינגען די ביטערע פּיל און שווייגן.

אַ וואָך פאַר יום־טוב האָט חנהלע מיר אָנגעזאָגט די בשורה, אַז איר פעטער מיט דער מומע און קינדער פאָרן קיין לאָדזש אויף יום־טוב און זי בלייבט אַליין היטן די דירה. "אויב דו ביסט נישט קעגן, שלאַמעק – האָט זי געזאָגט, – קום צו מיר אויף יום־טוב; איך וועל צוגרייטן אַ שבועותדיקע מילכיקע סעודה ווי עס פירט זיך אין יידישע הייזער: אַ גלעזל וויין מיט זיסן קעזקוכן צום פאַרבייסן. קרעפּלעך מיט קעז צו מיטאָג און אַנדערע גוטע מאכלים".

"אוודאי בין איך נישט קעגן און כ'וועל קומען צו דיר אויף יום טוב" – האָב איך געענטפערט.

ווען ס'איז צוגעפאַלן די יום־טובדיקע נאַכט האָב איך געזאָגט מיין מאַמען, אַז איך גיי צו חנהלען, און אויב כ'וועל זיך זאַמען, זאָל זי נישט איבערקלערן.

חנהלע האָט מיך אויפגענומען ווי אַ כלה נעמט אויף איר געליבטן חתן. ביים עפענען די טיר זענען מיר זיך אַריינגעפאַלן אין די אָרעמס און לאַנג געשטאַנען אַרומגענומען און זיך געקושט... זי האָט מיך געפירט ווייזן די פינף צימערן פון איר פעטערס רייכער דירה. דער גרויסער סאַלאָן מיט אַ באַלקאָן, וואָס איז אַרויס אויף נאַלעווקי־גאַס, האָט געהאַט צוויי הויכע פענצטערס און אַ געגלאָזטע טיר צום אַרויסגאַנג אויפן באַלקאָן. די פענצטערס זענען געווען באַהאָנגען איבער דער גאַנצער לענג מיט ווייסע זיידענע פאָרהאַנגען. אין סאַלאָן איז געשטאַנען אַ שווערער דעמבענער טיש מיט זעקס שטולן; אַ שווערע, געגלאָזטע, ברוינע קרעדענץ, וואָס האָט געגרייכט ביזן סופיט איז געווען אָנגעשטעלט מיט קרישטאָלענע און זילבערנע געשיר, אַ קאַנאַפּע באַצויגן מיט ברוין־געבלימלטן פּליוש, אַ הויכער זייגער מיט מעשענע געוויכטן. חנהלע האָט מיך אַריינגעפירט אין פעטערס שלאָפצימער. דאָרט זענען געשטאַנען צוויי ברוינע דעמבענע בעטן, איבערגעדעקטע מיט פּליוש, און אַ ברוינער שאַנק מיט פיר טירן. עס זענען געווען צוויי קינדער־צימערן. איינער פאַר ביידע יינגלעך און איינער פאַרן טעכטערל. צום סוף האָט זי מיך אַריינגעפירט אין איר צימער. דאָרט איז געשטאַנען אַ פאַרבעט בעט, אַ שאַנק, אַ טישל מיט אַ שטול.

"דאָס איז מיין פעטערס דירה", האָט חנהלע זיך אָנגערופן. "צי וועלן מיר האָבן אַ

מאָל אַזאַ דירה?" האָט זי מיך געפרעגט.

"איך וועל טאָן אַלץ דיך גליקלעך צו מאַכן! פאַר וואָס קען שלאַמעק נישט ווערן אַזאַ סוחר ווי דיין פעטער און אויך רייך ווערן ווי ער?" און מיר זענען זיך אַריינגעפאַלן אין די אָרעמס...

נאָכן אָפּעסן און פאַרברענגען צוזאַמען לאַנגע שעהען האָב איך, אָן אמתן חשק, געוואָלט גיין אַ היים, אָבער חנהלע האָט זיך אָנגערופן:

"וווּ ווּעסטו גיין אַזוי שפּעט אין דער נאַכט? דו וועסט בלייבן דאָ נעכטיקן. מיר האָבן פאַר זיך צו זיין צוזאַמען גאַנצע צוויי מעת־לעת".

און איך בין געבליבן נעכטיקן מיט חנהלען...

נאָך יענע צוויי טעג שבועות בין איך אַרומגעגאַנגען אַ שיכורער פון גליק, אַז חנהלע איז מיינע. אָבער צוזאַמען דערמיט האָב איך געגומען שטאַרק זאָרגן: דעם פּוילישן הימל האָבן פאַרצויגן שווערע וואָלקנס. דער ראַדיאָ האָט נישט אויפגעהערט איבערצוגעבן, אַז פּוילן רייסט זיך צו מאַרשירן אויף קאָוונע און, אַז היטלער פאָדערט פון פּוילן דאַנציק און גדיניע. פונקט אין דעם יאָר האָב איך געדאַרפט גיין דינען אין פּוילישן מיליטער.

ס'זענען אַוועק ביי דריי חדשים פון מיין פאַרברענגען שבועות מיט חנהלען אין איר פעטערס הויז. דער פעטער האָט, ווי יעדעס יאָר, געהאַט אַרויסגעשיקט די מומע מיט די קינדער אויף דאַטשע קיין מיעדזעשין. אין שטאָט האָט מען שטאַרק גערעדט וועגן אַ מלחמה מיט דייטשלאַנד. יידן זענען אַרומגעגאַנגען פאַרזאָרגט, נישט געוווּסט וואָס דער מאָרגן וועט ברענגען. אין איינעם פון יענע טעג האָב איך פאָרגעלייגט חנהלען מיר זאָלן רעדן מיט אונדזערע עלטערן זיי זאָלן זיך צואיילן אונדז חתונה צו מאַכן פאַר מיין גיין דינען אין מיליטער. בעת איך האָב עס איר געזאָגט, האָט זי מיר אַריינגעקוקט אין די אויגן מיט אַן אומפאַרשטענדלעכן גרימאַס, האַלב אַ צופרידענע, האַלב אַ פאַרזאָרגטע און מיר נישט געענטפערט.

"וואָס איז דיר, חנהלע?" – האָב איך זי געפרעגט.

"שלאַמעק"! – האָט זי נאָך אַ היבשער צייט טראַכטן, זיך אָנגערופן: "איך שוואַנגער..." ווען איך האָב דערהערט די בשורה בין איך געבליבן שטיין אַ געפּלעפּטער. כ'האָב נישט געוווּסט וואָס עס טוט זיך מיט מיר. אויף חנהלע איז געשטאַנען אַ צוטומלטע און געוואַרט וואָס איך וועל זאָגן. ווען איך בין געקומען צו זיך, האָב איך זי אַרומגענומען און געקושט...

"לאָמיר ביידע תיכף פאָרן צו דיינע עלטערן קיין יאַנעוו און שטעלן אַ חופה". – האָב איך איר געזאָגט.

אין צווישן איז אויסגעבראָכן די מלחמה און אַ סוף געמאַכט צו אונדזער זיסן חלום.

– ווי איך האָב אייך שוין דערציילט, האָט חנהלעס פעטער געהאַט זיין הויזגעזינט אויף זומער־דאַטשע אין מיעדזעשין, הינטער וואַרשע. ווען ס'איז אויסגעבראָכן די מלחמה האָט ער גענומען חנהלען מיט זיך קיין מיעדזעשין, זי זאָל העלפן פּאַקן די זאַכן און נעמען אַ היים די משפחה.

איך בין דעמאָלט געווען אַ יאָר פאַרן מיליטער־דינסט. אויפן זעקסטן טאָג פון דער מלחמה האָט דער וואַרשעווער ראַדיאָ געמאָלדן, אַז די מיליטער־פּליכטיקע דאַרפן אַרויסגיין אויף מיזרח זיך מאָביליזירן אין דער אַרמיי צו קעמפן קעגן דער דייטשישער אינוואַזיע. הערנדיק די מעלדונג האָט מיר אַ קלעם געטאָן ביים האַרצן. אַ פּאַרגעפיל האָט מיר געזאָגט, אַז מיין זיסער חלום רינט אויס... וואָס וועט זיין מיט אונדזער קינד,

וואָס חנהלע טראָגט אין איר טראַכט?...

כ'האָב געוווּסט, אַז דאָס דינען אין פּוילישן מיליטער צוויי און אַ האַלב יאָר וועל איך נישט אויסמיידן. אָבער אַ מלחמה מיט די דייטשן?!... ס'גייען אַרום קלאַנגען, אַז זיי האָבן שוין פאַרכאַפּט דעם גאַנצן מערב־טייל פון פּוילן און רוקן זיך צו צו די טוירן פון וואַרשע. ביטער איז מיר געוואָרן אויף דער נשמה.

איך האָב געפּרוּווט איבעררייסן דעם שכנס דערציילונג. אייער מעשה איז טאַקע אינטערעסאַנט – האָב איך געזאָגט. ס'איז אָבער שפּעט; שוין צייט צו גיין שלאָפן, אויסרוען אַלטע ביינער און אָננעמען פרישע כוחות פאַרן מאָרגנדיקן הייסן טאָג; איר זעט די בענק אַרום, זיי זענען שוין ליידיק. די זיצערס שלאָפן שוין. לייגט אָפּ אייער דערציילן אויף מאָרגן.

"שכן, כ'בעט אייך, גייט נישט אַוועק. כ'וועל זיך באַמיען נישט ציען לאַנג. כ'קען נישט איבעררייסן אין מיטן. כ'פיל, אַז מיטן אַראָפּרעדן זיך פאַלט מיר אַראָפּ אַ שטיין פון האַרצן".

כ'האָב זיך פאַרטראַכט: ס'איז מיר שווער איינצושלאָפן אין די הייסע נעכט. איך דריי זיך גאַנצע שעהען אויפן געלעגער פון איין זייט אויף דער אַנדערער ביז כ'ווער אַנטשלאָפן, וועל איך שוין זיצן און הערן דעם שכנס מעשה.

מיין שכן האָט שווער אָפּגעזיפצט און פאָרגעזעצט:

– ס'איז מיר איינגעפאַלן צו פאָרן קיין מיעדזעשין, נעמען חנהלען פון איר פעטער, זיך לאָזן קיין יאַנעוו צו אירע עלטערן און דאָרט שטעלן אַ חופה. און וואָס וועט זיין דערנאָך? וועגן דעם איז מיר דעמאָלט נישט איינגעפאַלן צו טראַכטן.

כדי מיין מאַמע, אַן איינזאַמע אלמנה, וואָס האָט נישט אויפגעהערט צו וויינען און פרעגן: "קינדער, וואָס וועט זיין?" זאָל זיך נישט קענגנשטעלן מיין פּלאַן, בין איך צו צו איר, כ'האָב זי אַרומגענומען, געקושט און, נישט וואַרטנדיק ביז זי וועט רעאַגירן, בין איך אַרויס פון שטוב.

ווען כ'בין אָנגעקומען צום מיזרח־וואָקזאַל אין פּראַגע, איז שוין געווען הויכער טאָג. כ'האָב געוואָלט פאָרן קיין מיעדזעשין מיט דער באַן, איז דער באַנפאַרקער געווען אָפּגעשטאָרבן, ווי אין פּוילן וואָלט קיין מאָל קיין באַן נישט געווען... כ'האָבן נישט געוווּסט וואָס צו טאָן. גיין צוריק אַהיים און וואַרטן ביז דער מלחמה־שטורעם וועט זיך איינשטילן? ווען איך בין אַזוי געשטאַנען אַ פאַרטראַכטער, איז מיר ווי פון אונטער דער ערד אויסגעוואַקסן חנהלעס ייִנגערער ברודער.

"נחמן!" – האָב איך אויסגעשריען און אים אַרומגעכאַפּט. –"דו ווילסט אוודאי פאָרן קיין יאַנעוו צו די עלטערן?"

"יאָ! פון נעכטן בין איך אויפן וואָקזאַל און וואַרט אויף אַ באַן קיין לובלין, אָבער אומזיסט. באַנען גייען נישט, כאָטש נעם און גיי צו פוס צוויי הונדערט קילאָמעטערס..."

"לאָמיר גיין צוזאַמען קיין מיעדזעשין צו דיין פעטער" – האָב איך אים פאָרגעלייגט.

– "אפשר וועט ער אַהיימשיקן חנהלען". און נישט טראַכטנדיק לאַנג, זענען מיר אַרויס אויפן אָטוואָצקער שאָסיי.

דער וועג קיין מיעדזעשין איז געווען אַ שווערער. די זון האָט אין יענעם סעפּטעמבער־טאָג געברענט ווי אין מיטן זומער. דער גאַנצער וועג איז געווען פול מיט מאַסן מענטשן, וואָס האָבן געצויגן אין איין ריכטונג, אויף מיזרח! אויפן גאַנצן וועג איז נישט געווען ווו עפּעס צו קויפן זיך צו דערכאַפּן דאָס האַרץ. וואַסער האָבן מיר געטרונקען פון אַ פּלומפּ ביים זייט פון שאָסיי. נאָך לאַנגע שעהען גיין זענען מיר מידע

און הונגעריקע אָנגעקומען צו חנהלעס פעטער אויף דאַטשע.

איך האָב דערזען חנהלען. זי איז געשטאַנען אין אַן אַלט צעקנייטשט קלייד און אַלטע מאַנצבילישע שיך ביי אַ גרויסן זאַק און האָט אַהין אַריינגעשטופּט כלערליי געפּעס. איר שיין פּנים איז געווען נאַס פון טרערן. נעבן איר איז געשטאַנען איר פעטער אין וועסטל און טלית־קטן איבער די הויזן, אויפן קאָפּ – אַ שוואַרצע סאַמעטענע יאַרמלקע, און אַ דענערווירטער זיך געבייזערט אויף חנלהלען, הלמאי זי איילט זיך נישט מיטן פאַרפּאַקן די זאַכן.

דערזעענדיק מיך, האָט דער פעטער זיך נאָך מער אויפגעקאָכט. פון דעמאָלט ווען ער איז געוויר געוואָרן, אַז חנהלע האָט בדעה חתונה צו האָבן מיט אַ בחור, וואָס גייט אָן אַ היטל און דאַוונט נישט, האָט ער גענומען טראָגן אַ האַס אויף זיין פּלימעניצע. "דו גייסט אין שלעכטע וועגן" האָט ער איר פאָרגעוואָרפן, און פון איר פאַרלאַנגט, זי זאָל מיך אַוועקשטעלן.

אַז איר פעטער האָט מיך דערזען, איז ער אַריין אין אַ רציחה. זיין אַזוי אויך רויט־אָנגעפרעסן פּנים האָט זיך נאָך מער אָנגעצונדן און ער האָט גענומען שרייען:

"דו הערסט, חנה, איך וויל דעם יונג נישט האָבן ביי זיך".

הערנדיק דעם פעטערס שרייען, האָט נחמן זיך אָנגערופן:

"פעטער, אויב דו טרייבסט אַרויס שלאַמעקן אין מלחמה־צייט, וועל איך אויך ביי דיר נישט בלייבן, און ער האָט געזאָגט צו דער שוועסטער: "טו זיך אָן, חנה, און לאָמיר צוזאַמען גיין אַ היים קיין יאַנעוו'.

אָבער חנהלע האָט געהאַט אַ יינגערע שוועסטער, סימעלע, וואָס האָט געאַרבעט אין אַ שפּייזקראָם אין וואַרשע, האָט זי געזאָגט:

"איך וועל סימעלען נישט איבערלאָזן אַליין. גייט איר ביידע אַ היים, קיין יאַנעוו, און מיר וועלן נאָכקומען".

מיין שכן, האָט שווער אָפּגעזיפצט און ווייטער פאָרגעזעצט:

– איך האָב איבערגעלאָזט חנהלען מיט אַ שווער האַרץ, אָבער מיט דעם באַשלוס, אַז איך מיט נחמנען גייען קיין יאַנעוו און חנהלע מיט דער שוועסטער וועלן גלייך נאָכקומען.

אין יענעם פאַרנאַכט בין איך מיט נחמנען אַרויס אויפן שאָסיי, וואָס פירט קיין לובלין. פיר טעג האָבן מיר זיך געשלעפּט אונטער כסדרדיקע אָנפליען פון דייטשישע עראָפּלאַנען וואָס האָבן באַשאָסן די פּליטים אויף די וועגן. ביי געלעגנהייטן האָבן מיר געקויפט אַ לעבל ברויט, אַ הייפּטל קרויט, אַ ציבל, אַ רעטעך; געטרונקען וואַסער פון ברונעמער אָדער פון פּלומפּן און געשלאָפן אין אַ זייטיקן וואַלד אָדער אויפן פעלד אונטערן פרייען הימל.

מיר זענען אָנגעקומען קיין לובלין ערב ראש־השנה אין דער פרי. דער וועטער איז געווען זומערדיק, אָבער די שטאָט איז געווען ווי אויסגעשטאָרבן. אַ מרה־שחורה האָט אונדז אַרומגענומען ביים זוכן אין די אויסגעליידיקע גאַסן אַ סימן פון לעבן. ווען מיר האָבן געטראָפן דעם ערשטן ייד מיט אַ טלית־זעקל אונטערן אָרעם, האָבן מיר אים אָפּגעשטעלט און געפרעגט וואָס עס הערט זיך אין שטאָט, צי מען וועט קענען ערגעץ ווו בלייבן אויף איבער יום־טוב. דער ייד, מיט אַ בלאַס דערשראָקן פּנים און טרערן אין די אויגן, האָט אונדז אָנגעקוקט אַ פאַרוווּנדערטער.

"יונגעלייט, וואָס פאַלט אייך איין צו בלייבן אויף יום־טוב? מען רעכנט, אַז אַ ליאַדע מינוט וועלן די דייטשן אַהער אַריין. שוין צוויי טעג, ווי די יידן גייען אַוועק פון

דער שטאָט. די מורא פאַר די דייטשן איז גרויס".

דערהערנדיק דעם קבלת־פּנים, האָב איך זיך אָנגערופן צו נחמנען: "לאָמיר זיך גלייך לאָזן קיין יאַנעוו".

מיר זענען אַוועק צום וואָקזאַל מיט דער דעה צו טרעפן אַ באַן און געטראָפן אַן עשעלאָן מיט מיליטער אין פראַכט־וואַגאָנען. ביי אַן אָפענער טיר איז געשטאַנען אַ זעלנער און געטיילט לעבלעך ברויט צו די ציווילע מענטשן אַרום.

מיר זענען געשטאַנען דערשטוינטע, נישט געוווּסט וואָס מיט זיך צו טאָן. מיט אַ מאָל האָט דער לאָקאָמאָטיוו געגעבן אַ לאַנגגן פייף. סהאָט זיך דערהערט אַ קאָמאַנדע "דאָ וואַגאָנווו", און דער עולם האָט גענומען זיך שטופּן אין די וואַגאָנען. נישט טראַכטנדיק זענען מיר אַריין אין אַ וואַגאָן. ס'איז שוין געווען נאַכט. מיר זענען געווען אויסגעמאַטערט פון אַ גאַנצן טאָג אַרומגיין, האָבן מיר, צוויי יידן, צווישן אַ פּולן וואַגאָן מיט פּאָליאַקן, זיך אַוועקגעלייגט אויפן דיל און איינגעשלאָפן.

ווען מיר האָבן זיך אויפגעכאַפּט איז שוין געווען גרויסער טאָג. די זון האָט אַריינגעלויכטן דורך דער האַלב אָפענער טיר און קליין פענצטערל. די באַן איז געשטאַנען ערגעץ אויף אַ זייטיקער סטאַנציע. ס'האָט זיך געהערט אַן אויסרוף: "אַראָפּגיין נאָך ברויט". די מענטשן זענען אַראָפּגעשפּרונגען פון די וואַגאָנען, און מיר מיט זיי. ביים טיילן דאָס ברויט האָבן מיר געהערט ווי מען רעדט, אַז דער עשעלאָן האָט זיך אין מיטן נאַכט דורכגעריסן דורך דער פראָנטליניע און מיר געפינען זיך העט נאָך כעלעם, אויפן וועג, וואָס פירט קיין ראָוונע.

געהערט די בשורה, האָב איך זיך אָנגערופן צו נחמנען: "לאָמיר איבערלאָזן די באַן און גיין קיין יאַנעוו". אָבער נחמן, וועלכער האָט געקענט די געגנט, האָט איראָניש געשמייכל און געזאָגט: "ווו זענען מיר, און ווו איז יאַנעוו... פון דאַנען קיין יאַנעוו איז אַ שיינע פּאָר הונדערט קילאָמעטערס. און אויב די דייטשן האָבן פאַרנומען כעלעם, האָבן זיי אויך פאַרנומען לובלין און יאַנעוו; מיר האָבן נישט קיין אַנדער ברירה, ווי זיך לאָזן אויף גאָטס באַראָט. ווען די מלחמה וועט זיך ענדיקן, וועלן מיר פאָרן צוריק קיין וואַרשע. דערווייל גיט מען ברויט, וועלן מיר זיך שלעפּן מיטן עשעלאָן".

און מיר האָבן זיך דערשלעפּט קיין קאָוועל. אין צוויי טעג אַרום זענען אַהין אַריין די סאָוועטן.

חנהלעס ברודער, נחמן, האָט מיך צוגערעדט נישט איילן זיך צוריקצופאָרן. לאָמיר זיך אַרומקוקן, האָט ער געזאָגט, צי מען וועט זיך קענען איינאָרדענען ביי די סאָוועטן און ברענגען אונדזערע משפּחות.

מיר האָבן זיך אָבער נישט איינגעאָרדנט, און נאָך אַ פּאָר וואָכן אַרומוואַלגערן זיך איבער די שטעט, וואָס זענען אַריינגעפאַלן צו די סאָוועטן, האָבן מיר באַשלאָסן צו שמוגלען די גרענעץ צו דער דייטשישער זייט. און דאָ איז געשען אַזוינס, וואָס האָט אַוועקגעפירט מיין גורל אין אַ נישט פאָרויסגעזעענער ריכטונג.

ווען איך בין אַרויס פון וואַרשע האָב איך מיטגענומען מיט זיך אַ ביסל געלט אין פּוילישע זלאָטעס און אין דאָלאַרן, וואָס כ'האָב געהאַט געזאַמלט אויף איינצואָרדענען מיין לעבן מיט חנהלען. כדי אַריבערצושווימען דעם טייך בוג ביי מאַלקין צו דער דייטשישער זייט, האָב איך באַצאָלט 100 רובל אַ פּויער, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט שמוגלען פּליטים איבער דער גרענעץ. דער פּויער האָט גענומען דאָס געלט און... אַנטשטאָט אַריבערצופירן איבערן טייך, האָט ער אונדז איבערגעגעבן דער סאָוועטישער גרענעצוואַך.

איר קענט אייך פאָרשטעלן, וואָס איך האָב איבערגעלעבט אינעם מאָמענט, ווען אַ סאָוועטישער סאָלדאַט האָט מיך רעווידירט און געפונען ביי מיר דאָלאַרן... ס'איז מיר ביטער געוואָרן אויף דער נשמה. כ'האָב געפרווט טראַכטן וואָס צו זאָגן, איז דער שכל מיר געוואָרן אָפּגענומען. כ'האָב גלייך פאַרשטאַנען, אַז מיין לעבן איז חרוב געוואָרן. ס'האָט נישט לאַנג געדויערט און די סאָוועטן האָבן מיך צעשיידט מיט נחמנען, כ'האָב אים מער קיין מאָל נישט געטראָפן. מיך האָבן זיי פאַרשיקט אויף צפון, נישט ווייט פון אַרכאַנגעלסק, ווו ווינטער איז 24 שעה אין מעת־לעת נאַכט, און זומער אייביקער טאָג, צו קאַרטשעווען ביימער אין אַ וואַלד. מיין געליבטע חנהלע צוזאַמען מיט אונדזער קינד איז ערגעץ ווו אומגעקומען אין איינער פון די גאַז־קאַמערן פון די נאַצישע טויטלאַגערן.

כ'וואָלט מסתמא אויסגעהויכט מיין נשמה פון דער קאַטאַרזשנער אַרבעט אין וואַלד, און קיינער וואָלט נישט געוווסט ווו מיין געביין איז אַהינגעקומען. איז אַבער אויסגעבראָכן די דייטשיש־סאָוועטישע מלחמה און דער פוילישער גענעראַל סיקאָרסקי האָט אויסגעפועלט ביי סטאַלינען, ער זאָל באַפרייען די פוילישע בירגער און זיי מאָביליזירן אויף דער מלחמה קעגן היטלער־דייטשלאַנד.

ווען מען האָט מיך באַפרייט פון לאַגער האָב איך גענומען טראַכטן וואָס גיכער צוריק צו קומען קיין פוילן צו מיין חנהלען. כ'האָב נאָך דעמאָלט געגלייבט, אַז חנהלע לעבט, זי וואַרט אויף מיר, און אַז מיר מיט אונדזער קינד וועלן זיין גליקלעך אויפן גאַנצן לעבן... אָבער ווי אַזוי קען איך קומען צו איר, אַז עס גייט אַ ביטערע מלחמה? נישט אַנדערש, ווי דורך מאָביליזירן זיך אין דער פוילישער אַרמיי. כ'האָב געוואָלט פרייוויליק דינען אין גענעראַל אַנדערסעס אַרמיי, האָט מען דאָרט נישט גענומען קיין יידן. דערנאָך האָב איך זיך געמאָלדן אין וואַנדאַ וואַסילעווסקאַס פוילישער אַרמיי, און כ'האָב מיט איר דורכגעמאַכט דעם גאַנצן וועגן ביזן דייטשישן טייך אָדער. אויפן לאַנגן שלאַכטמאַרש, וואָס האָט געדויערט מער ווי צוויי יאָר, בין איך צוויי מאָל פאַרוווּנדעט געוואָרן און געלעגן אין פעלדשפיטעלער. כ'בין אָבער אַרויס פון די ווונדן און כ'האָב ווייטער מלחמה געהאַלטן.

ווען כ'בין נאָך דער מלחמה צוריקגעקומען קיין וואַרשע, האָב איך דערזען וואָס די דייטשישע מערדערס האָבן אָפּגעטאָן מיט די יידן. די גאַנצע יידישע וועלט איז חרוב געוואָרן. פון מיין משפחה איז קיינער נישט געבליבן לעבן: נישט מיין מאַמע, נישט מיינע שוועסטער און ברודער, און אויך נישט מיין חנהלע מיט אונדזער קינד. כ'בין אַ צייט אַרומגעגאַנגען און געטרויערט, כ'האָב קיין אָרט זיך נישט געקענט געפינען. ביסלעכווייז בין איך געקומען צום באַשלוס, אַז אויב מיר, די איבערגעבליבענע פאַריתומטע יידן, וועלן נישט האָבן קיין אייגענע מדינה, וועלן מיר אונטערגיין גייסטיק און פיזיש. האָב איך זיך געלאָזט אויף וועגן און אומוועגן קיין ארץ־ישראל. ווען איך בין געקומען אַהער, האָט מען מיך, ווי אַ געוועזענעם פוילישן זעלנער, מאָביליזירט אין דער "הגנה" מלחמה צו האַלטן מיט די אַראַבער. אין מיליטער האָט מען מיך געשיקט אין אַן אולפּן לערנען עברית. דאָרט האָב איך זיך געטראָפן מיט אַ מיידל, וואָס איז על־פי נס ניצול געוואָרן פון אָשוויענטשימער טויטלאַגער. מיר האָבן זיך דערנענטערט און נאָך דער מלחמה חתונה געהאַט.

וואָס זאָל איך אייך דערציילן, שכן, כ'האָב אָפּגעלעבט מיט מיין פרוי 50 יאָר. זי האָט מיר געבוירן צוויי זין, וועמען כ'האָב אויפגעכאָוועט, זיי געמאַכט פאַר מענטשן, אָבער, כ'האָב זי נישט ליב געהאַט, מיין פרוי, און צוליב דעם בין איך שטענדיק געווען קאַלט צו די קינדער.

(סוף פון ז' 28)

די פּאַרלייענונג פון דעם גזר־דין איז אָפּגעלייגט געוואָרן אויף אַכט טעג. ווילנדיק צופרידן שטעלן די נאַציס, האָט דער געריכט זי פאַרמשפּט צו טויט־שטראָף. חנה האָט דעם פסק אויפגענומען רויק. דער פּראָקוראָר האָט איר דערקלערט, אַז דער אורטייל איז אַן ענדגילטיקער און קאָן ניט אָפּגעשאַפט ווערן. די פאַרמשפּטע האָט נאָר דאָס רעכט צו בעטן באַגנעדיקונג. חנה האָט זיך אָפּגעזאָגט פון דעם דאָזיקן חסד: " – וואַרטן אויף רחמנות – פון אייך? איר ווילט איך זאָל זיך אַליין דערנידעריקן און זיך בוקן צו אייך – צו רוצחים און תלינים? קיינמאָל נישט!"

חנהן איז דערלויבט געוואָרן פאַר דער עקזיקוציע אָנשרייבן בריוו. אָבער קיינער פון די אַדרעסאַטן האָט זיי ניט דערהאַלטן. אין די קעשענעס פון חנהס קליידער, וועלכע זענען איבערגעגעבן געוואָרן איר מאַמען, האָט מען געפונען צוויי שטיקלעך פּאַפּיר. אויף איינעם פון זיי האָט חנה זיך געווענדט צו אירע חברים: – "גייט פאָרויס, קערט זיך נישט אָפּ פון אייער וועג. קעמפט ביזן סוף, אַזוי לאַנג ביז ס'וועט ניט אָנקומען דער טאָג פון פרייהייט, דער טאָג פון נצחון פון אונדזער פאָלק".

אויף דעם צווייטן – זענען געווען חנהס לעצטע ווערטער צו איר מאַמען: – "טייערע מאַמעניו! ... טויזנט דאַנקען דיר, און זיי מיר מוחל, אויב דו קענסט. דו ווייסט גאַנץ גוט, אַז ווערטער זענען איצט שוין איבעריק. דיין אייביק ליבנדיקע טאָכטער... דיין טאָכטער..."

דעם 7־טן נאָוועמבער 1944 איז חנה צעשאָסן געוואָרן. אָבער דער פלאַם פון דעם ליכט, וואָס האָט געברענט אין די טיפענישן פון איר האַרץ, איז ניט פאַרלאָשן געוואָרן. עס זענען פאַרבליבן אירע לידער אין אונגאַריש און אין העברעיש. אַ סך פון די לעצטע זענען איבערגעלייגט געוואָרן אויף נאָטן. מען זינגט זיי אין ישראל עד היום. אין 1946 איז דערשינען אַ זאַמלבוך "חנה סענעש", אין וועלכן עס זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן איר טאָגבוך, אירע בריוו און זכרונות פון פריינד וועגן איר לעבן און העלדישן טויט.

"געבענטשט זאָל זיין דאָס האַרץ, וואָס האָט זיך אָפּגעשטעלט אין קאַמף", אָבער, וואָס לייכט ביז היינט.

ברוך יהיה זכרה!

---

מיר דריקן אויס טיפן מיטגעפיל
אונדזער פריינד און מיטאַרבעטער פון "חשבון",
דעם שרייבער ד"ר משה וואָלף, זיין פרוי און זון,
צוליבן טויט פון זייער טאָכטער און שוועסטער,
דער מוזיקערין און קאָמפּאָזיטאָרין

**נעמי וואָלף**

**לילקע מייזנער**
**דאָרקע און משה שקליאַר**

בעלאַ בריקס קליין / פתח תקוה

# מיין טאַטע ירחמיאל בריקס

## (צום 30־טן יאָרצייט)



עס זיינען דאָ מענטשן וואָס האָבן דורכגעלעבט דעם גיהנום ביי די נאַציס און ווילן ניט הערן מער פון דעם, נאָר פאַרגעסן און רייסן זיך אָפּ פון די שווערע זכרונות.

עס זיינען אויך דאָ אַזעלכע, וואָס ניט נאָר ווילן זיי ניט און קאָנען ניט פאַרגעסן, נאָר זיי טוען עס טאָג טעגלעך איבערלעבן, און דאָס שרייבן וועגן יענע יאָרן איז פאַר זיי אַ חוב. אַזאַ איז געווען מיין טאַטע, ירחמיאל בריקס ז"ל. ער האָט געפילט, אַז עס איז זיין הייליקע מיסיע צו דערציילן דער וועלט דאָס וואָס די יידן האָבן געליטן ביי די נאַציס, און דערפאַר האָט אים גאָט געלאָזט איבערלעבן די מלחמה.

מיין טאַטע, ירחמיאל בריקס, איז געבוירן געוואָרן אין סקאַרזשיסקאָ קאַמיענע, פוילן, אין 1912, דאָס דריטע פון אַכט קינדער. זיין טאַטע, טוביה, איז געווען אַ חסיד און אַ תלמיד חכם. ער האָט ירחמיאלן געגעבן אַ טראַדיציאָנעלע יידישע דערציונג: חדר און בית מדרש, און אויך וועלטלעכע בילדונג. אין זיין "די וואָס זיינען נישט געבליבן" דערציילט מיין טאַטע וועגן שטעטל און וועגן זיין עלטער־פעטער, ר' מענדל פעלדמאַן. די סקאַרזשיסק געטאָ איז ליקווידירט געוואָרן שמחת תורה 1942 און זיין גאַנצע משפחה, צוזאַמען מיט די יידן פון שטעטל, איז דערמאָרדעט געוואָרן אין טרעבלינקע אין אָקטאָבער 1942.

אַ יינגל נאָך, איז מיין טאַטע געקומען קיין לאָדזש און דאָרט שטודירט און געשפּילט טעאַטער. אין יאָר 1939 דערשיינט אין לאָדזש זיין בוך לירישע לידער "יונגער גרינער מאַי". אַביסל שפּעטער געפינט ער זיך שוין אין לאָדזשער געטאָ. דאָ, אין די שוידערלעכסטע באַדינגונגען, זעצט ער פאָר זיין ליטעראַרישע אַרבעט, שרייבנדיק זיין באַרימטע נאָוועלע "אַ קאָץ אין געטאָ". וועגן דעם עלטסטן פון יודענראַט מרדכי חיים רומקאָווסקין האָט ער אָנגעשריבן "דער קייסער אין געטאָ" און "די פּאַפּירענע קרוין".

אין אויגוסט 1944 ווערט ליקווידירט די לאָדזשער געטאָ און מיין טאַטע ווערט מיט אַ טראַנספּאָרט יידן פאַרשלעפּט אין דעם גרעסטן טויטלאַגער, אוישוויץ. זיין שטאַרקסט בוך, "אויף קדוש השם", דערציילט די מעשה פון דבורה לאה, אַ העלדין וואָס האָט אין סכנת נפשות אָנגעצונדן שבת ליכט פון קאַרטאָפל. ער באַשרייבט די אכזריות פון די נאַציס און זייערע מיטהעלפער.

היות די דייטשן האָבן שוין דעמאָלט זיך גענייטיקט אין אַרבעטער, איז ער, ווי אַ יונגער מענטש, פאַרשיקט געוואָרן קיין דייטשלאַנד צו שקלאַפן אַרבעט אין אַ פאַבריק. דאָס דערציילט ער אין זיין באַלאַדע "געטאָ־פאַבריק 76". אין אוישוויץ זיינען פאַרניכטעט

געוואָרן אַלע זיינע שאַפונגען, וואָס ער האָט מיטגעבראַכט פון לאַדזשער געטאָ. שרייבן האָט מען נישט געטאָרט, און קיין בלייער און פּאַפּיר האָט מען נישט געטאָרט האָבן, האָט מיין טאַטע, ביי נאַכט אויף זיין שמוציקן געלעגער, אַ הונגעריקער, איבערגעחזרט אין גערדאַנק זיינע שאַפונגען.

יידן האָבן שטענדיק בכבודיק געהאַלטן און געשטיצט זייערע פּאָלקס־שרייבער. אַזוי איז אויך געווען אין די געטאָס און קאָנצענטראַציע־לאַגערן. יידן האָבן אים געשטיצט, און דאָס האָט אים אַ סך געהאָלפן איבערצולעבן דעם נאַציזם. דעם 2 מאַי 1945 האָט אים די אַמעריקאַנער אַרמיי באַפרייט אַ האַלב טויטן. דער רויטער קרייץ האָט אים גענומען קיין שוועדן צום היילן. אין די שפּיטעלער און סאַנאַטאָריעס האָט ער פאָרגעזעצט זיין ליטעראַרישע טעטיקייט. ער האָט פאָרגעלייענט זיינע שאַפונגען פאַר די שארית הפליטה אין שטאָקהאָלם.

אויף איינעם אַזאַ אָוונט האָט ער זיך באַקענט מיט אַ יונגער רומענישע פרוי הינדע וואָלף, אויך אַ געליטענע פון בערגען בעלזען. זיי האָבן זיך פאַרליבט און חתונה געהאַט אין סעפּטעמבער 1946. מיין שוועסטער, מרים, און איך זיינען געבוירן געוואָרן אין שטאָקהאָלם, שוועדן.

דער טאַטע האָט געפירט אַ לאַנגע קאָרעספּאָנדענץ מיט מאַקס וויינרייך פון ייִוואָ אין פאַר זיי איבערגעשיקט וויכטיקע דאָקומענטן. אין מערץ 1949 האָט דער ייִוואָ אַריבערגעברענגט די גאַנצע משפחה קיין ניו־יאָרק. מיר זיינען געווען זייער אָרעם. מיינע עלטערן האָבן גאָרנישט פאַרמאָגט, געקומען מיט ליידיקע הענט, נאָר גייסטיק זיינען מיר רייך געווען. אויך היינט זע איך נאָך קלאָר, ווי איך, אַ פיר יאָריקע, און מיין שוועסטער מרים סערל, פינף און אַ האַלב יאָר אַלט, זיינען אין דער היים אין ניו־יאָרק און מיר שפּילן זיך. מיין טאַטע - אין אַ זויבער אויסגעפּרעסט ווייס העמד מיט אַ טונקעלער בינדע, און איבער דעם, אַ באָרדאָ סוועטער, זיצט ביים גרויסן טיש און מיט זיין גאָלדענער פעדער שרייבט, מעקט אויס און שרייבט ווייטער. פון צייט צו צייט קלעפּט ער צו אַ קליין שטיקל פּאַפּיר מיט נייע שורות, וואָס פּאַסן צו דעם זייטל... ווידער געטראַכט און שרייבט ווייטער. ווען מיר, קינדער, רעדן הויך, קומט מיין מאַמע גיך אַריין: "ששש... פּאַפּאַ שרייבט." און מיר זיינען ווידער פאַרשוויגן געוואָרן און ווייטער זיך געשפּילט שטילערהייט. ווען מיין טאַטע האָט געענדיקט שרייבן, האָט ער אונדז אַלע צוזאַמען גערופן אָדער אין דער וואַרעמער קיך אַרום טיש, אָדער אין אונדזער שלאָפצימער זיצנדיק אויף די בעטן, און מיר האָבן אַלע זיך צוגעהערט צו זיין נייעם קאַפּיטל. דערנאָך האָט מען דיסקוטירט די מעשה: צו לאַנג? צו קורץ? גענוג שטאַרק? אַפילו ווען מיר זיינען גאַנץ קליין געווען, האָבן מיר, קינדער, פאַרשטאַנען און געהאָלפן אויסטראַכטן נעמען צו די ווערק.

מיר האָבן כסדר באַוווּנדערט זיין פענאָמינאַלן זכרון; ווי ער האָט געדענקט קליינע פאַקטן און געשעענישן 15, 20, אַפילו 25 יאָר שפּעטער! און טאַקע אין זיין ווערק קאָן מען דערפילן דאָס טאָג־טעגלעכע לעבן פון די יידן אין געטאָ און אין אוישוויץ: ווי זיי האָבן גערעדט, וואָס זיי האָבן געטראַכט, ווי זיי זיינען געווען אָנגעטאָן.

ער האָט געשריבן וועגן איין משפחה און זי האָטן סימבאָליזירט אַלע טאַטעס, מאַמעס, יינגלעך און מיידלעך אין אַלע געטאָס און קאָנצענטראַציע לאַגערן ביי די נאַציס. אין זיינע ווערק דערפילט מען אויך די טיפע אמונה אין גאָט און די האָפענונג, אַז גאָט האָט נישט פאַרגעסן זיין פאָלק.

דאָס ליד, "נישט פאַרצווייפלען", האָט מיין טאַטע געשריבן אין לאָדזשער געטאָ אין 1940.

ס'איז נאָר אַדורכווייענדיקער ווינט
נישט פאַרצווייפלען מיין קינד...
מיר זיינען אַלטע ביימער, טיף און ברייט,
אין דער ערד פאַרוואָרצלט,
מיט גרויסע קרוינען, וואָס באַצירן די וועלט.

מיר זיינען ביימער אייביקע
וואָס גיבן דער וועלט פּירות שפּייזנדיקע
מיר וועלן אייביק זיין!

די דאָזיקע אמונה און שטאָלצקייט צו זיין אַ ייד האָט מיין טאַטע איבערגעגעבן צו זיינע טעכטער: ליבע און כבוד פאַר טראַדיציע, פאַר דער יידישער שפּראַך און יידישער קולטור. אין דער היים האָט מען געמעגט רעדן נאָר יידיש, און אַזוי האָבן מיר אויך אַנטוויקלט אַ ליבע צו יידישקייט.

איך געדענק ווי מיין טאַטע איז געזעסן מיט מיר אין אָוונט און ער האָט מיך אויסגעלערנט לייענען יידיש. צום ביישפּיל:

א.
איציק שפּיציק פּיפּערנאָטער
דרייט דעם עק ביים שוואַרצן קאָטער
מאַכט זיך פון פּאַפּיר אַ שווערדל
נעמט דעם שטעקן פאַר אַ פערדל.

ג.
גענזל, גענזל, גאָ גאָ גאָק
לייגט זיך אייעלעך אַ שאָק
פון די אייער פּיק פּיק פּיק
ווערן גענזעלעך צוריק.

י.
יאַנקל באַנקל בול בול בול
מאַכט אַ רייזע אויף אַ שטול
מיט דער היטל אויף אַ זייט
פאָרט זיך יאַנקל וויט וויט וויט!

מיינע עלטערן האָבן אונדז שטענדיק, פון קינדווייז אָן, מיטגענומען צום יידישן טעאַטער. מיר האָבן גרויס הנאה געהאַט, ווייל מיר האָבן אַלץ פאַרשטאַנען. מיר האָבן געזען אויף דער בינע: מאָריס שוואַרץ; דזשיגאַן און שומאַכער; יוסף בולאָוו; מאַקס באָזשיק; לעאָן ליבגאָלד.

מיין טאַטע פלעגט פון צייט צו צייט שרייבן פאַר די יידישע צייטונגען און ער פלעגט מיך מיטנעמען אין רעדאַקציע. נאָענט צו דער רעדאַקציע איז געווען די "גאָרדאָן קאַפעטעריע" ווו יידישע שרייבערס פלעגן זיך טרעפן צו שמועסן איבער אַ גלעזל טיי. דאָרט האָט מיין טאַטע מיך באַקענט מיט איציק מאַנגער; ב.י. ביאַלאָסטאָצקין; לוצקין און באַשעוויס זינגער.

מיין טאַטע איז געווען אייגנאַרטיק אין דער חורבן ליטעראַטור, ווייל ער האָט געשריבן מיט שוואַרצן הומאָר. זיין "אַ קאַץ אין געטאָ" האָט מען דראַמאַטיזירט ווי אַ טראַגי־קאָמעדיע און געשפּילט אין קעניגלעכן טעאַטער אין שטאָקהאָלם אין 1970, מיט גרויס דערפאָלג. אין דער מעשה זוכט מען אַ קאַץ כדי זי צו בייטן אויף אַן אוצר, אַ גאַנץ ברויט. מיט ביטערן הומאָר ווייזט ער ווי פאַרשיידענע טיפּן מענטשן, וואָס לעבן אין אַ פאַרקערטער וועלט, ווערן פאַרפירט דורך פאַלשער האָפענונג.

צום ערשטן יאָרצייט האָט מיין מאַמע, הינדע בריקס, אַרויסגעגעבן זיין בוך "די אַנטלויפערס" (ווי די דייטשן זיינען אַריין אין פוילן) און "פון גסיסה צום לעבן" (ווי ער איז אַרויס פון אוישוויץ).

מיין לעצטע באַגעגעניש מיט מיין ליבן טאַטן איז געווען אין יאַנואַר 1974, ווען מיין מאַן און איך זיינען געפאָרן פון ישראל קיין ניו־יאָרק אויף אַ קורצן באַזוך מיט אונדזער ניי געבוירן טעכטערל. עס קאָן זיין, אַז מיין טאַטע האָט געהאַט אַ פאָרגעפיל, ווייל ער האָט געבעטן איך זאָל אים שטעלן פראַגעס און אַלץ רעקאָרדירן אויף אַ טאַשמע. און אַזוי האָט מען געשמועסט מער ווי אַ שעה. ער האָט מיר דערציילט וועגן זיין שרייבן, זיין לעבן, זיינע צוקונפטיקע פּלענער.

אַכט חדשים שפּעטער, נאָך אין סאַמע מיטן פון זיינע ליטעראַרישע חלומות, איז מיין טאַטע פּלוצעם נפטר געוואָרן פון אַ שטראָך, סוכות 1974. ער האָט אויסגעהויכט די נשמה אין שלאָף בעת אַ יום טוב, ווי אַ צדיק. מיין מאַמע האָט באַשלאָסן אַריבערברענגען זיין ארון קיין ישראל אויף קבורה אין הר הזיתים אין ירושלים.

מיין טאַטע האָט זיין גאַנץ לעבן זיך אָפּגעגעבן מיט פאַראייביקן דעם זכרון פון די קדושים פון דעם לעצטן חורבן, אַז די וועלט זאָל נישט פאַרגעסן דאָס, וואָס איז געשען, כדי עס זאָל ווידער זיך נישט איבערחזרן. זיינע ווערק האָט ער געשאַפן מיט יסורים און מיט טרערן ווי אַ גייסטיקע מצבה פאַר די, וואָס זיינען אומגעבראַכט געוואָרן. כבוד זיין אָנדענק!

---


## מכוח אַלע געשעפטלעכע און פינאַנציעלע ענינים

בעטן מיר אַלעמען זיך ווענדן צו אונדזער פאַרוואַלטער:

JACOB LEWIN

6365 Orange St • LA, CA 90048

Telephone: 232 939-7379

# אלישבע כהן־צדקס מענטשן און בלומען

"מענטשן וואָס פלאַנצן בלומען" איז דער נאָמען פון אלישבע כהן־צדקס נייעם בוך, וואָס איז אַרויס אין ישראל אין פאַריקן יאָר. דאָס איז אַ זאַמלונג פון קורצע דערציילונגען און קינסטלעריטע פאַרצייכענונגען, וואָס ווערן דאָ אַריינגענומען אין דעם אָפּטייל "פּובליציסטיק", און אַלע ברענגען זיי אַרויס געוויינלעכע מענטשן מיט אויסערגעוויינלעכע אייגנשאַפטן, ווי אין דער שילדערונג פון דעם לערער פון נאַטור־וויסנשאַפט אין דער ווילנער יידישער רעאַל־גימנאַזיע, ישראל ביבער און זיין פרוי, אַ לערערין און פאַרליבטע אין בלומען, בעלאַ ביבער, אָדער גאָר אין דער גרעסערער פאַרצייכענונג אַ"נ "שלום־עליכם אין זעמליאַנקע" ("בריוו פון פראָנט"), ווו עס ווערט אַרויסגעבראַכט, אין דער פאָרעם פון בריוו, די העראָישע און טראַגישע געשיכטע פון די יידישע קעמפער אין דער ליטווישער דיוויזיע בעת דער מלחמה קעגן היטלער־פאַשיזם.

מיט רעכט שרייבט אלישבע כהן־צדקס זון, אלכסנדר כהן־צדק, אין זיין אַריינפיר־עסיי אַ"נ "פרימאָרגנדיקע שורות פון מיין מאַמען", אַז (אין דעם בוך) "זענען כמעט נישטאָ קיין אויסערגעוויינלעכע געשעענישן; די אייגנאַרטיקייט פון יעדן באַשריבענעם גורל קומט דערפון, וואָס קיין איין מענטש איז נישט ענלעך צו אַן אַנדערן און וואָס די מאַמע דרינגט אויפמערקזאַם אַריין אין אָט דעם אונטערשייד". האָבן מיר טאַקע אינעם בוך אַ ברייטע פּאַנאָראַמע פון פאַרשיידנאַרטיקע געשטאַלטן און גורולות, אָנהייבנדיק פון קליינע קינדער ("דאָס מיידעלע מיט דער ליאַלקע"; "איך בין דאָ, מיין קינד"; "דער געבורטסטאָג פון אַ ליבע"), ביז די פאַרצייכענונגען פונעם ישראל־לעבן, געזען דורך די אויגן פון אַ נייעם עולה.

אלישבע כהן־צדק האָט אָנגעהויבן שרייבן זייער יונג, איר ערשט העפטל לידער האָט זי אַליין פאַרברענט בעת אַ רעוויזיע אין איר הויז, ווען פּאָליציי איז געקומען זי אַרעסטירן פאַר אומלעגאַלער רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט אין פאַרמלחמהדיקן ווילנע. זי איז דעמאָלט אַלט געווען פופצן יאָר און געהערט צו דער יינגסטער ווילנער יידישער שרייבער־גרופּע "יינגוואַלד". שפּעטער – ווי עס דערציילט איר זון – האָט זי מער קיין לידער נישט געשריבן, נאָר בלויז איבערגעזעצט פּאָעזיע פון פּויליש און דייטש. פון יענע פריע אָנהייבן איז איר אוודאי געבליבן די ליבשאַפט צום יידישן וואָרט, וואָס זי האָט דורכגעטראָגן מיט זיך דורך אַלע שוועריקייטן פון די מלחמה־וואַנדערונגען און די שפּעטערדיקע רדיפות אויף אונדזער מאַמע־לשון אין געוועזענעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, ווו זי האָט געלעבט און געאַרבעט ביז זי איז עולה געווען קיין ישראל אין 1990 יאָר.

ווען ס'האָט אָנגעהויבן אַרויסגיין אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, אָנהייב זעכציקער יאָרן, דער זשורנאַל "סאָוועטיש היימלאַנד", דרוקט דאָרט אלישבע כהן־צדק אירע קורצע דערציילונגען און סקיצעס, וואָס ציען דעם אויפמערק פון יידישן לייענער נישט בלויז אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, נאָר אויך אין אויסלאַנד. אין מדינת ישראל האָט אלישבע געפונען נישט בלויז אַ פיזישע היים, נאָר אויך אַ גייסטיקע היים אין דער "נייע צייטונג", ווו זי האָט געאַרבעט צוועלף יאָר ביז די צייטונג האָט אויפגעהערט אַרויסגיין. דאָרט, אין ישראל, איז אויך אַרויס איר וואָגיק בוך, "פאַרגעס מיך ניט", וואָס איז טיילווייז אויטאָביאָגראַפיש.

צום אונטערשייד פון אלישבעס פריערדיקן בוך באַשטייט דאָס איצטיקע בוך "מענטשן וואָס פלאַנצן בלומען", ווי געזאָגט, פון אַ צאָל קורצע דערציילונגען, סקיצעס, פאַרצייכענונגען און רעפּאָרטאַזשן, צוזאַמען עטלעכע און דרייסיק, און טייל פון זיי

זענען פּאַקטיש קליינע נאָוועלעס, ווו די מחברין דרינגט אַריין אין דער פּסיכאָלאָגיע פון אירע העלדן, זאָלן עס זיין קינדער אָדער דערוואַקסענע, און זייערע האַנדלונגען זענען אָפט מאָל דיקטירט דורך קאָמפּליצירטע סיטואַציעס, ווי אין דער גרעסערער דערציילונג א"נ "ווען נישט דאָס האַרבע זידלוואָרט פון פּיאָטר מאַראָז", ווו די הויפּט־העלדין איז ווידער אַ קינד, אַ שילערין פון אַ ליטווישער שול, און די אַקציע פּאַרלויפט זיך אויפן פּאָן פון ליטווישן דאָרף. די שילערין, פּאָלינע וואָזניאַק, ליידט זיך גענוג אָן אין דער היים, ווו דער טאַטע קומט אָפט פון דער אַרבעט אַ שיכורער. און אויב איז דאָס ווייניק, האָט זי נאָך צרות אין שול פון אַ בייזער לערערין, וועלכע האָט געוואָרפן אויף איר אַן אומחן און שיקט איר אָפט אין "ווינקל" פאַר דעם קלענסטן, אומשולדיקן חטא. לסוף האָט די לערערין אָרגאַניזירט אַ באָיקאָט אויף פּאָלינאַן, קיינער האָט נישט געטאָרט רעדן צו איר. ביז... דעם באָיקאָט האָט געבראָכן פּיאָטר מאַראָז, דער בעסטער שילער אין קלאַס. ער האָט דער ערשטער גענומען רעדן צו פּאָלינאַן, און ווען די לערערין האָט אים געוואָרנט: "פּיאָטר, מיט פּאָלינאַ וואָזניאַק רעדן מיר נאָך נישט", האָט ער געענטפערט מיט אַ דרייגאָרנדיקן זידלוואָרט, און צום באָיקאָט האָט גענומען אַ סוף. די גוטע קינדער האָבן באַזיגט די שלעכטע לערערין...

שפּעטער, אין יאָרן אַרום וועט פּאָלינאַ, איצט אַליין אַ לערערין, דערמאָנען: "אַפילו מיט מיין שלימזלדיקן פאַמיליע־נאָמען וואָזניאַק (אונטערן איינפלוס פון דער בייזער לערערין האָבן קינדער פון איר חוזק געמאַכט און פאַרביטן איר נאָמען אויף וואָזניק־נאַוואָזניק, וואָס אין רוסיש באַטייט עס מיסטמאַכער), האָב איך זיך אויך געשיידט מיט אומעט אין האַרצן, ווי מיט דער איינציקער זאַך, וואָס איז מיר געבליבן פון דער קינדהייט. די קינדהייט – אַזאַ שווערע – איז אָבער פאָרט געווען מיינע, און מענטשן האָבן מיך אין דער קינדהייט מיינער אויף זייער שטייגער געליבט".

די קינדהייט... מיר מאָלן זי שטענדיק אין העלע פאַרבן, ווי שווער זי זאָל נישט האָבן געווען, און זי געשטאַלטיקט אונדזער כאַראַקטער, ווי דאָס האָבן שוין פון לאַנג באַוויזן געלערנטע פּסיכאָלאָגן און שרייבערס. אלישבע כהן־צדק האָט דאָ קיין זאַך נישט אַנדעקט, אָבער זי האָט אויף איר באַשיידענעם אופן אַרויסגעבראַכט שיינע געשטאַלטן פון קינדער אין זייער אַנטוויקלונג. דערביי איז איר נאַראַציע פאַרכאַפּנדיק, אַפט מאָל רירנדיק.

באַזונדערס רירנדיק זענען אויך די פריער דערמאָנטע "בריוו פון פראַנט". אלישבע דערציילט דאָ, ציטירנדיק בריוו פון פראָנט, געשריבענע דורך אירע געוועזענע מיט־שילער פון דער ווילנער יידישער רעאַל־גימנאַזיע, און אויך פון איר מאַן, שלמה כהן־צדק, וועגן די גורלות פון יונגע העלדן, פון וועלכע די מערסטע האָבן מקריב געווען זייער לעבן אין קאַמף קעגן דער היטלעריסטישער חיה רעה.

"היינט–דערקלערט די מחברין – וויל איך אַליין שרייבן ווי צום ווייניקסטן: איך וויל גיבן דאָס וואָרט אַנדערע, די מערהייט פון וועלכע קענען שוין אַליין גאָרנישט דערציילן. איז זאָלן די בריוו זייערע, אָדער פראַגמענטן פון זיי, רײדן פאַר זיך אַליין". און זיי רײדן! און מען קאָן זיך פון די "בריוו" נישט אָפּרייסן.

אלישבע האָט דאָ אויסגעקליבן פאַר איר נאַראַציע די פאָרעם פון אַ דאָקומענטאַלער דערציילונג. זי ברענגט בריוו, אָדער זייערע פראַגמענטן, דורכגעפלאָכטן מיט קאָמענטאַרן פון מחבר, טיילווייז ביאָגראַפישע און צומאָל היסטאָרישע, וואָס העלפן צום באַשאַפן זיך אַ פאַרגאַנצט בילד פון יענער שרעקלעכער און העראָישער צייט. דו לייענסט די

(המשך ז' 58)

אלישבע כהן־צדק

## פּאַזשמקעס אין פּאָנאַר

לייכטע ווינטעלעך האָבן זיך אַרומגעיאָגט שפּילנדיק אין באַהעלטעניש, און מיטגעריסן אין שפּיל דאָס זאַפטיקע געבלעטער פון יונגע בעריאָזקעס.

ווי קיין מאָל גאָרניט.

דאָ און דאָרט האָט אַ קליינע יאָדלע אין דעם גרינעם סאַראַפאַן, רייצנדיק די ווינטעלעך מיטן ריח פון איר בלי, דורכגעזאַפּט דעם אַרום מיטן אַראָמאַט פון סמאָלע.

ווי קיין מאָל גאָרניט.

און נאָר אַלטע סאָסנעס האָבן קוים געשאָקלט מיט די קעפּ אין טיפן שווייגן, ווייל נאָר זיי האָבן אַלץ געזען און אַלץ געוווּסט.

ס'איז געווען אַ זוניקער יולי־טאָג, ווען כ'האָב ווידער, איינהאַלטנדיק דעם אָטעם, באַטראָטן די ערד פון פּאָנאַר און ווידער, ווי שוין ניט איין מאָל, געשטיקט אין זיך דאָס געפיל פון צאָרן און שטוינונג: ווי אַזוי? ווי וואַגט די נאַטור צו זיין אַזוי שיין, אַזוי אומשולדיק־גרין און שפּילעוודיק? ווי וואַגט זי מיט אירע גרינע געוועבן, מיטן אויסבערענגערישן רחבות פון אירע בלומען און גראָזן, מיטן כישוף פון אירע ריחות צו פאַרשטעלן, פאַרבאָרגן פון מענטשנס אויג, מאַכן ממש ניט צום גלייבן דעם טויזנטפאַכיקן, דעם הונדערט־טויזנט־פאַכיקן מאָרד?...

איך גיי און זוך דיין שפּור אויף דער ערד, מיין שיינע חברטע לאהלע רעכעס, און דיין שפּור, מיין שטאָלצע און מונטערע איטקע שאַליט. געדענקסט, לאהלע וואַלט, ווי מיר זיינען ברוגז געוואָרן, ווען מיר האָבן זיך ביידע פאַרליבט אין איין יינגל?... ווען האָט מען דיך אַוועקגעריסן פון לעבן, און ווי איז עס געשען? און דיך, ליוסיק אורמאַכער, און דיך, אַווּרעמקע פּופּקאָ, און דיך, פרומעלע סטופּעל?...

איך טרעט מיט די פיס די ערד פון פּאָנאַר, ווי איך וואָלט טרעטן מיין אייגענע קינדהייט, די שענסטע פון מיינע וועלטן. און די גרינע שפּיל אַרום, דאָס גרין־זוניקע פינקלדיקע לעבן, נאָגט מיר אַרויס דאָס האַרץ, ביז...

איך שטעל זיך אָפּ ביי אַ בערגל און בלייב שטיין פאַרגליווערט.

פּאָזשמקעס?

קיין מאָל האָב איך ניט געזען אַזעלכע גרויסע שווערע יאַגדעס, אַזוינע ריזיקע בלוטיקע טרערן, און אַזוי פיל אין איין אָרט.

טשעפּע עס ניט, מענטש! ריר עס ניט אָן!

ווער האָט געזאָגט, אַז דאָס געביין פון די קרבנות איז פאַרברענט אָדער אויסגעטריקנט געוואָרן, אַז ס'איז קיין זכר ניט געבליבן? אַז אַלץ איז פאַרוואַקסן מיט יונגן גרין, וואָס פאַרשיכורט דעם זכרון?

ס'קומט זומער, און פּאָנאַר בלוטיקט ווידער, ווי יעדעס יאָר, מיט זיינע שווערע רויטע פּאָזשמקעס.

עקיבא פישבין / ירושלים

# דער מאָלער פון אינסטינקט

"סוטין - פון די שאַרפסטע
סימפאָנישע גאונים פון אַלע צייטן."
(קונסט־היסטאָריקער עלי פאָר)

חיים סוטין האָט פאַרמאָגט אַ גרויסע מעלה - ער האָט ליב געהאַט צו לערנען, אַן אייביקער לערנער איז דער אָ מענטש געווען! מילא, ווי מיר ווייסן, איז ער פון זיין טרויעריקער קינדהיט, קיין גרויסער למדן נישט אַרויס. אַפילו דאָס ביסל תורה פון זיין סמילאָוויטשער חדר־רבין איז אים אין קאָפּ אַריין נישט געקראָכן. אָבער, ווי נאָר דער פייזאַזש פון זיין סביבה האָט זיך געענדערט, האָט ער באַקומען שכל, און ווי אַ שוואָם געגומען איינזאַפּן וויסן. דער מאָלער קיקאָין דערציילט, אַז אין זייער ווילנער קונסט־שולע איז חיים פון די סאַמע בעסטע שילער געווען. נו, דאָרט טאַקע, אין דער ווילנער סביבה, האָט סוטין גענומען טועם זיין פון אַ ביסל קולטור. דאָרט איז זיין אינטערעס פאַר וויסן - פאַר יעדן מין וויסן - ביי אים כסדר געשטיגן.

חיים סוטין איז געווען אַ מענטש מיט אַ ברייטע קולטור - דערציילט כיל אַראָנסאָן, דער פאַריזער יידישער קונסט־קריטיקער און שרייבער ("בילדער און געשטאַלטן פון מאָנפּאַרנאַס"). עפּעס האָט ער פאַרמאָגט אַ טבע, דער סוטין - געטראָפן זיך מיט אַ דענקער, פלעגט ער אים פאַרמאַטערן מיט שאלות פון אַ מעטאַפיזיש־פילאָזאָפישן כאַראַקטער. אַ מאַטעמאַטיקער פלעגט ער נישט אָפּלאָזן מיט פראַגן נוגע אַסטראָנאָמיע און קאָסמאָגראַפיע... אַלץ האָט דעם אָ מענטש באַשעפטיקט.

איצטער, וואָס שייך ליטעראַטור - ווען חיים סוטין איז מיט מזל שוין געשטאַנען אין די פּעדערן, זענען אין דער לייטישער וווינונג זיינער געשטאַנען פאָליצעס אָנגעפילט מיט ביכער. אַראָנסאָן דערציילט - ער האָט סוטינען גוט געקענט - ווי נאָר ער האָט אַריינבאַקומען אַ מטבעה און אַריין אין די פּעדערן, האָט ער גענומען אַ לערער און געקנעלט מיט אים די פראַנצויזישע שפּראַך. חיים סוטין האָט באַהערשט אַ קאָרעקטן פראַנצויזיש - אין וואָרט און אין שריפט.

סוטין האָט געשלונגען ממש פּאָעזיע. און גראָד דווקא אין אָריגינאַל! ער האָט נישט געהאַלטן פון איבערזעצונגען. האָבן, פון זיינע פאָליצעס, ובכן, אַראָפּגעקוקט ביכער פון פראַנצויזישע פּאָעטן, אַזעלכע, ווי באָדלער, ווערלען, רעמבאָ, אַפּאָלינער - אַלע זיי האָט דער סמילאָוויטשער חיים טועם געווען אין אָריגינאַל, ער האָט זיך מיט זייער פּאָעזיע מחיה געווען, ווי מיט אַ גלאָז אַלטן גוטן וויין. סוטין האָט מסתם געהאַלטן פון ביאַליקס אַ מימרא, אַז "לייענען פּאָעזיע אין אַן איבערזעצונג איז פונקט, ווי קושן אַ כלה דורך אַ שלייער"... אויף די פאָליצעס ביי חים סוטין זענען געשטאַנען אויך ביכער פון באַלזאַק, פלאָבער און אַפילו דער אַלטער מאָנטען (1533–1592) האָט דאָרט צווישן די ביכער נישט געפעלט, ווי די ביכער־פאָליצעס "דערציילן", האָט סוטין אויך ליב געהאַט די רוסישע שרייבער - פּושקין, גאָגאָל, דאָסטאָיעווסקי. סוטין האָט געלעבט אַ צוגעאַגלטער צו ביכער.

פּיער קורטיאָן, דער פאָרשער פון סוטינס לעבן און שאַפן, ברענגט זיינעם אַ בריוו פון יאָר 1940. אַן אויסבאַהאַלטענער אין אַ דאָרף, ווייט פון פּאַריז, אַרומגענומען מיט דרך־ארץ און פריינדשאַפט פון די דאָרטיקע תושבים, שרייבט ער, סוטין, צו אַ פריינד,

אָט וואָס - ער לייענט איצט זייער אַ סך פראַנצויזישע ליטעראַטור. דאָס באַזאָרגט אים דער גלח פון דאָרף די ביכער. האָט ער טאַקע הנאה פון וויקטאָר הוגאָ, פון באַלזאַק. די פינגער לעקט ער פון די ספרים פון זשיל מישלע - "די געשיכטע פון פראַנקרייך". און דער ספר פון שרייבער און מאָלער עיזשען פראָמאַנטען בשם "די אַמאָליקע מייסטער" - דאָס איז דאָך פשוט אַן אוצר! יאָ, חיים סוטין איז געוווען אַ לייענער - שוין איין מאָל אַ לייענער! נו, און מוזיק - אין מוזיק איז סוטין געוווען אַריינגעטאָן ביז איבער די אויערן. פאַרליבט איז ער געוווען אין באַך און אין מאָצאַרט, געהאַט זייערע פלאַטן ביי זיך אין דער וווינונג. און הערט אַ טשיקאַווע מעשה - געסט פלעגט סוטין ביי זיך אויפנעמען מיט מוזיק פון פלאַטן! ער פלעגט, פאַר די געסט, דעם יאָדער אויסשיילן פון דער אויסגעהערטער מוזיק, און אין מויל זיי אַריינלייגן דעם זיסן טעם פון אַ באַך, אָדער מאָצאַרט־יצירה. דעם דאָזיקן גבית־עדות ברענגט, אין אירע זכרונות, די יידישע פרוי גערטאַ מיכאַעליס. יאָ - חיים סוטין, קאָן מען זאָגן, איז געוווען שוין ווייט נישט קיין דורכשניטלעכער מענטש!

הכלל, ווען חיים סוטין, דער זשעדנער נאָך וויסן, איז מיט מזל אָנגעקומען קיין פאַריז, איז ווי נאָר ער האָט דעם קאָפּ אַוועקגעלייגט אין אַ ווינקל פון "לאַ ריש', דעם "מלך־אביון־שלאָס" פון קינסטלער אָן אַ פרוטה ביי דער נשמה, האָט ער גלייך זיך באַרעכנט, אַז ס'איז אַ יושר צו ווערן אַ תלמיד, אַפילו אַ נישט אָפּיציעלער, אַבי לערנען אין דער קונסט־אַקאַדעמיע פון פאַריז. ווייל, דאָס וואָס ער האָט דערוואָרבן אין דער ווילנער קונסט־שולע איז נאָך ווייט נישט גענוג - מען דאַרף נאָך ממשיך זיין, און פאַרטיפן די קענטעניש, די אָנגעזאַמלטע אין ווילנע. נו, און די נייעסן אין דער קונסט מיט וועלכע פאַריז קלינגט אין דער וועלט - מיט דעם דאַרף ער זיך באַקענען, און גוט־גוט נאָך צעקייען...

הקיצור, סוטין איז געוואָרן אַ נישט אָפּיציעלער תלמיד אין דער אַקאַדעמיע פון קונסט אין פאַריז. צוגעטיילט ווי אויף שלימזל האָט מען אים אין קלאַס פון פראָפעסאָר קאָרמאָן - אַ קינסטלער פון דער "אַלטער דאַטע" - אַ מאָלער פון אַקאַדעמישן שניט, אַ שונא פון נייעסן... קאָרמאָן פלעגט מאָלן בילדער לויט די דינים פון באַלעבאַטישן געשמאַק. איז וואָס האָט שוין דער אָרעמער סוטין געקאָנט נאַשן ביי דעם אַ "רבין" זיינעם? די תורה פון "רבי" קאָרמאָן האָט ער אין ווילנע, געהאַט שוין גענוג־און־גענוג...

אַ ביטער אַנטוישטער, איז דער יונגער חיים אַנטלאָפן פון דער פאַריזער קונסט־אַקאַדעמיע - גענומען לערנען אַליין. ער האָט גענומען לערנען פון די בילדער, וועלכע זענען צעהאָנגען אויף די ווענט פון לוווער־מוזעום. אין די בילדער פון לוווער האָט ער געזוכט דעם תמצית־דיקן קערן פון יעדן גרויסן מייסטער, פאַרשטיין האָט ער געוואָלט די ווערטיק־שעפערישע פּאָטענץ פון דעם מייסטער. און דער עיקר - די פאַכמענערישע נאַטור פון מייסטערס יכולת האָט ער געוואָלט באַנעמען. חיים סוטין האָט זייער אָפט באַזוכט דעם לוווער, דעם אָ קודשי־קדשים פון קונסט. ער האָט דאָרט געלערנט אַ סך, אַ סך.

יאָ, פאַרגעסט נישט - אינעם לוווער גייט מען נישט אַריין, ווי עפּעס אין אַ הקדש... מען דאַרף באַצאָלן אַן איינטריטס־קאַרטע. וועט איר פרעגן, ווו האָט דאָס דער אָרעמער חיים די מטבעה דערויף געהאַט! נו, מאַ - עפּעס זענען מיר דאָך יידן בני־רחמים, און דער בחור האָט דאָך געהאַט אויף זיך מבינים. האָט זיך געפונען אַ יידישער קינסטלער בשם אַלעקסאַנדער ראָם, אַן אַרויפגעאַרבעטער סקולפּטאָר - אַ פאַרדינער. ער פלעגט דעם בחור געבן יעדעס מאָל אַ פאָר דראָבנע פראַנקן און אַ

בילעט אויף צו נעמען די מעטרא. מען קאָן זיך משער זיין, אַז צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן האָט חיים סוטין אַ בילד פון אַ מייסטער אָנגעקוקט אין אָריגינאַל. ווי האָט ער דען אַזעלכעס געזען אין ווילנע? איז ער טיקע, חיים, געוועזן שפּאָר איבעראַשט. אָבער אַלץ הייסט - איבעראַשט?...

דער קונסט־קריטיקער וואַלדעמאַר זשאָרזש דערציילט אין אַן עסיי אָט וואָס: אין אַ פרימאָרגן אַ מאָל אין לוווּר האָט ער באַמערקט ווי אַרום דעם בילד פון מאָלער קורבע מ.ג. "די לוויה אין אָרנאַן" דרייט זיך אַרום אַן אויפגערעגטער בחור מיט אַ מאָדנע בליק, אַ צערודערטן, טוט ער באַהאַנדלען דאָס בילד. באַלד האָט ער זיך עפּעס איינגעהויקערט, און מיט אַ שמייכל זיך גענומען שאָרן ביי די ווענט. עפּעס האָט דער צעשטרייטער בחור אויסגעזען צו זיין נישט מיט אַלעם, ער האָט צוגעצויגן דעם אויפמערק פון קריטיקער. ווער איז דאָס דער פּאַרשוין? זע נאָר, ווי מאָדנע ער איז דאָס פּאַרטון אין מחשבות... אין יאָרן אַרום, ביי אַ געלעגנהייט, האָט מען אים פאָרגעשטעלט סוטינען. און דאָ האָט ער אין אים דערקענט דעם מאָדנעם לוווּר־באַזוכער פון אַ מאָל...

אַן ענלעכן פּאַל דערציילט די קינסטלערין חנה אָרלאָוו. זי האָט אַ מאָל, צוזאַמען מיט סוטינען, אין די יונגע יאָרן זייערע, באַזוכט דעם לוווּר. סוטינס התפּעלות פאַר רעמבראַנד איז געווען געוואַלדיק! חנה אָרלאָוו דערציילט, אַז "מיט שרעק האָט ער אויפגענומען די בילדער פון רעמבראַנד. פון גרויס אויפרעגונג האָט ער גענומען ציטערן... און שרייען - ס'איז עפּעס אַזוי שיין! חנה - כ'וועל משוגע! דער היטער האָט אונדז, גענומען נאָכגיין... ער האָט זיך דערשראָקן... אַ קשיא אויף אַ מעשה?..." אָט, ווי אַזוי ס'פלעגט דער יונגער חיים סוטין אויפנעמען די בילדער פון רעמבראַנד. יאָ, טשיקאַווע - ווען סוטין איז אַריין אין דער מטבעה איז ער דריי מאָל געפאָרן קיין האָלאַנד אָנקוקן נאָר בלויז די "יידישע כלה" פון רעמבראַנד!

זשאָרזש וואַלדעמאַר האָט אַ מאָל געזאָגט: "סוטין פלעגט שטיין בי ווערק פון די גרויסע מייסטער און קוקן אויף זיי געניי ווי אַ פרומער קריסט קוקט אויף דו הייליקע בילדער..."

וואָס איז דאָ שייך צו רעדן - דער לוווּר איז פאַרן יונגן חיים געוואָרן די ריכטיקע "אַקאַדעמיע". ער האָט דאָ געלערנט און געלערנט, אַנדעקט אוצרות - אָן א שיעור! אַ קליינינקייט, מיט וויפל וועלט־מייסטערס ער איז דאָ אַרומגענומען. און פון יעדן גרויסן מייסטער איז דאָ עפּעס צו נאַשן. אָט, נעמט, דעם גרויסן קורבע - ער עפנט דאָך אים די אויגן! - אַ שמייכעלע האָט באַליכטיקט זיין פּנים, די אויגן טוען לאַכן. דער קונסט־קריטיקער וואַלדעמעאַר זשאָרזש דערציילט, אַז דער רעאַליזם פון קורבע מאַכט אויף דעם יונגן סוטין אַן איינדרוק, אַן איינדרוק מאַכט אויף אים די אַגרעסיווע שפּראַך, די אָפנקייט זיינע. קורבע איז פאַר אים אַ ביישפּיל פון טעכנישע פרייהייט. און די סאָציאַלע שטעלונגען פון קורבע - איי, איז ער פון זיי באַגייסטערט! קורבע לערנט אים היטן - למען השם - די זעלבשטענדיקייט פון גייסט, חלילה נישט נאָכלויפן אַנדערע. דער רעוואָלט פון קורבע רעדט צום יונגן חיים רייד, ער מאַכט אויפן יידישן בחור אַן איינדרוק. נו, און דאָס פשטות פון דער דראַמע וואָס ציטערט אין די בילדער פון קורבע - איי, איז ער אַ מייסטער! סוטין איז באַגייסטערט, - מען קאָן דאָך אַראָפּ פון זינען - שרייט ער - געוואַלד!

אויב איז קורבע, פאַר חיים סוטין, אַ מוסטער, ווי אַ בעל־יצירה טוט אַרויסהייבן שאַרף מיט אַ פּערזענלעך לשון, די רעאַליטעט פון לעבן אָן קאָמפּראָמיסן, טוט דער מייסטער רעמבראַנד - דער גאון, אַנטפּלעקן אים די מאַגיע פון דער געשטאַלט־פאָרעמונג.

ער איז אויסער זיך - חיים, טוט נאָר אַ קוק, ווי דער אָנזאַמל פון די רעמבראַנדישע פאַרבן קאָן ווערן אַ מין אילומינאַציע. געוואַלד! ס'איז דאָך משוגע צו ווערן! זע'נאָר ווי דער ליכט־און־שאָטן טוט דאָ שפּילן עפּעס - אַ זעלטנקייט! איי געוואַלד - געוואַלד - ווען ער וואָלט אַזוי געקאָנט מאָלן...

נו, מאַ, ווען ער וואָלט געקאָנט אַזוי מאָלן... ער וועט נישט קאָנען אַזוי מאָלן... ער וועט מאָלן אַנדערש. זיין מאָלעריי וועט חידושן, זי וועט אויפרעגן די קריטיקער. אמת - נישט אַלע; אָן אויסנאַם איז גלייך געווען דער געניאַלער מומחה, דער פראַנצויזישער קונסט־היסטאָריקער עלי פאַר. ער האָט שוין אין די צוואַנציקער יאָרן, ווענן סוטינען און זיין קונסט, אַ גאַנץ גרויסע פאַרשונג אָוועקגעלייגט - אַ דיקן ספר מחבר געווען! און אַפילו עטלעכע טעג פאַרן טויט, אין יאָר 1937, האָט ער, עלי פאַר, נאָך, אין זיין לעצטן אַרטיקל אין דער צייטשריפט "לע פּוען", אויסגעלויבט עד לב השמים "די נאָבעלקייט פון סוטינס מאָלערישע מיסטעריע"!

סוטין, דער מאָלער פון אינסטינקט, ער וועט מוזן פאָלגן זיין דעמאָן. געשטויסן פונעם אַנגסט, וועלכן ער האָט אין זיך אַרומגעטראָגן דאָס גאַנצע לעבן, האָט ער געמאָלן, עלעהיי אין צושטאַנד פון שיכרות. סוטין פלעגט זיך פאַרענטפערן, טענהען פאַר זיינע פריינד, אַז מיט שפיכת דמים מאָלט ער - אַזוי־און־נישט־אַנדערש... ער וואָלט דאָך ליב געהאַט צו מאָלן, ווי אַ קאָראָ, ווי אַ קורבע - ס'וואָלט אָבער דערפון גאָרנישט אַרויס... זיין מאָלערישע וויזיע - זי איז דאָך דער עכאָ פון זיין פינצטערער נשמה... חברה פלעגט אים אויסהערן און הייבן מיט די אַקסלען! ווייס־עך־וואָס... אַ שמירער... אָ גאָרנישט... זעט איר עלי פאַר, ער גראָד האָט סוטינען יאָ פאַרשטאַנען. אָט שרייבט ער איז זיינע ביכער: "עפּעס מיינט מען, אַז סוטין טוט דעפאָרמירן (בעלי־חי, ביימער, מענטשלעכע געשטאַלטן) סתם אַזוי - לשם דעפאָרמאַציע, מחמת פּערווערסיע זוכט ער צו מאַכן שטוינען דעם צושויער. אַרויסברענגען אים פון די כלים. אַ גראָבער טעות! דעם חיבוט־הקבר קומט דאָך סוטין אָפּ ווען ער מאָלט זיינע קנאַפּ געפורעמטע לייוונטן, דאָרט ווו זיין ווונדערלעכער אוניווערס איז צעוויגט און צעהוידעט, ווי צעהוידעט און צעוויגט איז דער גאַנצער אינערלעכער וועזן זיינער..." און אַביסל ווייטער שרייבט עלי פאַר אָט וואָס: "...טאָמער זעט איר אים גיין אין גאַס אַ מאָל, אונטער אַ גאַס רעגן, מיט אַ לויפנדיק געוגל - די פּלייצע געבויגן, קליינע ווייסע הענט שיינע, דער הוט איבער די אויגן, אַ געזיכט פון אַ קאַלמוק מיט האָר וואָס פאַרפּלייצן דעם שטערן - וועט איר דאָ פילן דעם פאַרבייגיי פון דער דראַמע, וואָס באַוועגט דעם בעל־מכשף, ביים זוכן דעם שטערן פון מנוחה..." ("סוטין" - פאַריז 1929, "מאָדערנע מאָלעריי" 1948).

די רייד פון דעם בר־סמכא עלי פאַר איז כדאי אויסצוהערן מיט קאָפּ. פון ערשטן בליק באַלד, האָט עלי פאַר פאַרשטאַנען די סוטין־מאָלעריי. און עלי פאָר האָט אויך סוטינען, דעם מענטש פאַרטיפט און באַנומען, דאָס ערשטע מאָל, ווען עלי פאַר האָט מיט אָפענע אויגן אַריינגעקוקט אין די בילדער פון חיים סוטין, האָט אים אַרומגעכאַפּט עפּעס אַ מין מוזיק פון שטורעם... "אַ מאָלעריי פון פייער... אַ פאַרביק־פינקלדיקע וועלט... כאַאָטישע פאָרמען... ריזיקע איידלשטיינער טוען בליצן אין דער שפּיל פון פאַרבן... אַ וויזיע פון אַ שאַרפן סימפאָנישן גאון!" ("מאָדערנע קונסט") מען דערציילט, אַז ביים באַטראַכטן סוטינס אַ בילד, זאָל עלי פאַר האָבן אַ זאָג געטאָן צו זיינעם אַ באַגלייטער, אַ סקולפּטאָר: "זייט וועלאַסקעז, האָבן מיר אַ מאָלער מיט אַזאַ אויג נישט געהאַט!" בעצם, האָט עלי פאַר גלייך דערטאַפּט סוטינס אַנגסט, וואָס ליגט (המשך זז' 56)

שמחה סימכאָוויטש / טאָראָנטאָ

## עפנט אויף

עפנט אויף גרענעצן, רייסט די שטעכל־דראָטן,
לאָמיר זיך באַגעגענען, פּנים אל פּנים,
אַרבעטער און קאַפּיטאַליסטן,
גלויביקע און אַטעיסטן,
ווייסע, שוואַרצע, געלע,
באַוווינער פון איינציקן כּדור
פון לעבן און באַוווּסטזיין.
לאָמיר נעמען מיט אַ שמייכל
אונדזערע אידעאָלאָגיעס, ירושהס, דאָגמעס,
לאָמיר פאַרווערן נוקלעאַרע מלחמות,
מלחמות בכלל,
די מאַכט־און כּבֿוד־שפּיל דערהייבן
אויף אַ העכערן, מענטשלעכן פלאַך.
לאָמיר הייליקן דאָס לעבן,
יום־טובֿן דעם מענטשן־מיין
באַשאַפענעם אין צלם
פון אייביקן פאַרבאָרגענעם באַוועגער.

## מוטערשאַפט

אַ קינד אויף איר אָרעם
אַ צווייטס ביי די פיס;
אַ יונגע מאַמע
פרויאיש און זיס.
אַ יפת־תואר,
אַ מאַמע און ווייב,
אויפהאַלטערין פון מענטשן־מין
מיט לעבן־און־לייב,
איך בעט, אַז די עלטסטע
פון שטאָט און פון לאַנד
זאָלן איר כּבֿוד אָפּגעבן,
קושן איר האַנט
און פייערלעך צוזאָגן:
"מער קיין צעשטערן,
קיין שפּיכת־דמים
קיין פיין און טרערן
פאַר זין און טעכטער
פאַר מאַן און פאַר פרוי,
מער קיין מלחמות
בין גוי לגוי.

רחמיאל צוקערמאַן (פראַנקרייך)

# יידיש־לשון און... דייטשן

מיין זכרון פאַרטראָגט מיך העט־ווייט צום יאָר 1984. מיט היפשער נייגעריקייט האָט איך געהאָט געלייענט אין אַן אַמעריקאַנער־יידישער צייטונג וועגן די גאַסטראָל־פאָרשטעלונגען, וואָס דער וואַרשעווער יידישער טעאַטער האָט געגעבן אין דריי שטעט אין מערב־דייטשלאַנד: פראַנקפורט, מינכן און דיסלדאָרף. די דאָרטיקע מזרח־אייראָפּעאישע יידן, וועלכע האָבן פאַרפולט דעם זאַל, האָבן מיט התפעלות און בענקשאַפט־געפילן אויפגענומען די פיר פיעסן, וואָס די וואַרשעווער יידישע טרופּע האָט אויפגעפירט: אַנסקי'ס "דיבוק", גאָלדפאַדנ'ס מוזיקאַלישע קאָמעדיע "קאָמעדיאַנטן" (צוויי קוני־לעמלס), מאַנגער'ס "מגילה־לידער" און איסאַק באַבעל'ס "אונטערגאַנג".

אויף אָט־די יום־טובים פון יידישן וואָרט זיינען אויך בייגעווען אַ צאָל ניט־יידישע דייטשן, צווישן זיי פאָרשטייער פון דער מערב־דייטשישער אינטעליגענץ. אויך ביי זיי האָט שטאַרק אויסגענומען דער הויכער קונסט־ניוואָ פון די אויפפירונגען.

פאַרן דייטשישן טעאַטער־עולם זיינען די פאָרשטעלונגען אויף יידיש געווען אַן אמתער קוריאָז, אַ שטיק עקזאָטיק. כמעט אַלע דאָרטיקע צייטונגען האָבן זיי רעצענזירט, ניט זשאַלעווענדיק קיין לויבווערטער פאַר דעם תוכן, דער סצענאָגראַפיע און דער מוזיק. דערביי האָט אָבער געליטן אַן עוולה אונדזער מאַמע־לשון, דער קינסטלערישער אינסטרומענט אויף וועלכן עס האָבן געשפּילט די אַקטיאָרן פון דעם וואַרשעווער יידישן טעאַטער.

איינער אַ דייטשער רעצענזענט פון דער צייטונג "מינכנער מערקור" האָט באַוויזן אַ גרויסן "קונץ". ניט קענענדיק קיין יידיש, איז ער אין געציילטע עטלעכע שעה געוואָרן אַ בקי אין אונדזער לשון און איז שוין מבין כל דיבור! דעם טויזנטיאָריקן שפּראַך־און קולטור־נס, וואָס הייסט יידיש, פּטר'ט ער אָפּ מיט אַן אויסגעדראָשענעם פּזמון, אַז "יידיש שטאַמט פון מיטל־הויכדייטש און איז עד־היום פאַרשטענדלעך פאַר אונדז דייטשן". עס פּאַסט אים ניט מודה צו זיין, אַז דאָס לשון פון די "אָסט־יודען" פאַרמאָגט אַן אייגענע פאָנאָלאָגיע (קלאַנגען־סיסטעם), אַ רייכן, פילקאָליריקן וואָרט־אוצר, אַ באַזונדערן ניגון און ריטעם, אַ גראַמאַטיק אַן אייגענע מיט אַן אָריגינעלן ווערטער־סדר, אָנצאָליקע וואָרצלדיק־אידיאָמאַטישע אויסדרוקן און אַ ים מיט פּיקחותדיקע פאָלקס־ווערטלעך.

דער דייטשער רעפּאָרטער מאַכט זיך ניט־וויסנדיק, אַז אין יידיש זיינען פאַראַן טויזנטער גערמאַניש־שטאַמיקע ווערטער און וואָרטבאַהעפטן (אַריינגערעכנט קאַלקירונגען פון סלאַוויש), וואָס זיינען נישט בנמצא ניט אינעם ליטעראַרישן דייטש, ניט אין וועלכן־עס־איז דייטשישן דיאַלעקט. דערביי פאַרגינט ער זיך צו באַמערקן, אַז די גרויסע צאָל יידישע ווערטער פון העברעאישן און סלאַווישן אָפּשטאַם האָבן "אינגאַנצן ניט געשטערט דעם דייטשישן עולם צו פאַרשטיין די פּרעכטיקע וויצן פון דער פּיעסע". שוין איינמאָל אַ לאָגיק! ווען ער וואָלט צוגעגאַנגען צו זיין טעמע מיט דער געהעריקער מאָס אָביעקטיווקייט, וואָלט ער געשריבן פּראָסט־און־פּשוט, אַז ער האָט פאַרשטאַנען אַ וואָרט איבער צען...

טשיקאַווע איז, וואָס בשעת דער רומעניש־יידישער מלוכה־טעאַטער האָט מיט עטלעכע יאָר פריער גאַסטראָלירט אין דייטשלאַנד, האָט דאָס דייטשישע "פּובליקום"

אַנגעטאָן ספּעציעלע הער־טרײַבלעך, דורך װעלכע מ'האָט די יידישע רייד פֿאַרטײַטשט אויף דייטש. אַפּנים, אַז די אָרגאַניזאַטאָרן פֿון יענע טעאַטער־אָװנטן האָבן זיך אָפּגעגעבן אַ קלאָרן חשבון, אַז יידיש איז דווקא ניט אַזוי "פֿאַרשטענדלעך פֿאַר אונדז דייטשן". ס'איז אַ ידוע'דיקע זאַך, אַז אַלע יידיש־פֿילמען, וואָס ווערן געוויזן אין די דייטש־רעדנדיקע לענדער, ווערן באַגלייט מיט דייטשישע אונטערקעפּלעך.

און וואָס איז דאָ דער חידוש?! דער גערמאַנישער קאָמפּאָנענט פֿון יידיש איז דאָך ניט קיין קאָפּיע פֿון דעם צי יענעם מיטל־הויכדייטשן דיאַלעקט. ער איז אַרויסגעוואָקסן פֿון אַ צוזאַמענפֿלעכט, פּינקטלעכער --- אַ סינטעז, פֿון פֿאַרשיידענע דייטשישע ריידענישן, וואָס פֿראַנצויזישע און צפֿון־איטאַליענישע יידן האָבן פֿאַראײַגנט און פֿאַריידישט, ווען זיי האָבן "אויפֿגעשלאָגן זייערע געצעלטן" סוף ניינטן יאָרהונדערט ביי די ברעגן פֿון טייך ריין. צום גערמאַנישן וואָרט־פֿאָנד האָבן באַלד ביים אָנהייב זיך צוגעמישט אַ שלל מיט לשון־קודשדיקע ווי אויך אַראַמעאישע ווערטער. געציילטע פֿראַנצויזיש־און איטאַליעניש־שטאַמיקע ווערטער און פֿערזאָן־נעמען פֿון יענער תקופֿה האָבן זיך אויפֿגעהיט אין יידיש ביזן היינטיקן טאָג, למשל: לייענען, בענטשן, פֿלאַנכענען, פֿאַטשיילע, טשאָלנט, אַלמער; "בונעם", "שניאור", "שפּרינצע".

אין אַ שפּעטערדיקער סטאַדיע האָט יידיש איינגעזאַפּט שפּראַך־אוצרות פֿון די אַרומיקע סלאַווישע שפּראַכן. די לעקסישע, גראַמאַטישע און סינטאַקטישע השפּעה מצד סלאַוויש האָט אונדזער לשון תּוכיק איבערגעאַנדערשט, הן אין כּמות, הן אין איכות. די רוישטאָפּן פֿון די מקור־שפּראַכן האָט יידיש איבערגעקאָכט און פֿאַרהיימישט אויף אַן אייגנאַרטיקן אופֿן, צופּאַסנדיק זיי צו די השגות און באַדערפֿעניש פֿון יידישן לעבן.

קיין שום לשון שטייט ניט אויף אַן אָרט. יידיש (באַגלייך מיט דייטש, פֿראַנצויזיש און אַנדערע שפּראַכן) האָט אַדורכגעמאַכט אַן אַ שיעור גלגולים אין משך פֿון די לעצטע העכער טויזנט יאָר. די מאָדערנע דייטשע שפּראַך איז מיילן־ווייט פֿונעם פֿאַרצייטיקן מיטל־הויכדייטש. לייגט זיך אויפֿן שכל, אַז דער מזרח־אייראָפּעאישער יידיש, וואָס האָט זיך צעבליט אין זיין גאַנצער פּראַכט אין אַ היימיש־יידישער סביבה אויף דער סלאַווישער שפּראַך־טעריטאָריע, איז אַ קנאַפּער מחותּן מיט מיטל־הויכדייטש.

דער באַרימטער יידישער לינגוויסט חיים גינינגער ז"ל, וועלכער האָט פֿאַרמאָגט אויסנעמלעכע ידיעות אי אין יידיש אי אין דייטש, פֿלעגט זאָגן: "נישטאָ קיין צוויי לשונות, וואָס זאָלן זיין אַזוי עצמדיק־אַנדערש איינס פֿונעם אַנדערן ווי יידיש און דייטש". די, וואָס ווילן איינשנורעווען יידיש אין אַ דייטשישן צוואַנג־יאַק, באַגייען אַן עוולה קעגן ביידע שפּראַכן. מיט פֿרעמדע שפּראַך־מאָסן און אַקסיאָמעס איז ניט מעגלעך צו אַנאַליזירן ווי געהעריק דעם געוועדטן יידיש אָדער אַ יידישן טעקסט. די, וואָס קוקן אויף יידיש דורך אַ דייטשישער פּריזמע, שטעלן־אַוועק דאָס לשון אין אַ קרומען שפּיגל. ממילא קענען זיי ניט דערגיין צו קיין וויסנשאַפֿטלעך־ריכטיקע מסקנות.

יידיש איז ניט סתּם "נאָך אַ גערמאַנישע שפּראַך", וואָס ווערט אין ווערטערביכער און ענציקלאָפּעדיעס צוגערעכנט צו דעם גערמאַנישן צווייג פֿון דער אינדאָ־אייראָפּעאישער שפּראַכן־גרופּע. די יידישע שפּראַך טיילט זיך אויס פֿון אַנדערע גערמאַנישע לשונות דערמיט, וואָס זי איז קיינמאָל ניט באַנוצט געוואָרן פֿון אַ גערמאַנישן פֿאָלק אָדער שבט. אין יידיש האָבן געלעבט און זיך אויסגעלעבט דורות אַשכּנזישע יידן. אין יידיש האָט זיך איינגעעסטיקט ניט קיין גערמאַנישע קולטור, נאָר די שורשדיק־יידישע קולטור און פֿרומע יידישקייט, וואָס ציִען די יניקה פֿונעם תּנכיש־סעמיטישן פֿאָלק ישׂראל.

אין פרט פון פראַזעאָלאָגיע איז יידיש אַזוי ווייט פון דייטש ווי מזרח איז ווייט פון מערב. כדי דאָס אויפצווייזן באותות־ומופתים האָב איך פאַרצייכנט פון זכרון אַ בינטל קערנדיקע יידישע פראַזעאָלאָגיזמען:

1. אַן אָפּגעשלאָגענע הושענא; אַ באַלעבאָסטע אַ בריה (בעריע); אַ בערישע טובה; אַ געבראָטענער ליטוואַק; געזונטע צרות; אַ גערייכערטע ליולקע; אַ האַרבע קשיא; אַ ווילער יאַט; אַ חכם פון דער מה־נשתנה; אַ טיפער זקן; אַ טריפהנער מזל; אַ לאַנגער לאָקש; אַ נעכטיקער טאָג!; אַ פאָלנער עם־האָרץ; אַ צעטראָגענער מלאך; קאַלטע פריפּאַרקעס; אַ קאַפּוליער אָנצוהערעניש; אַ קבצן אין זיבן פאָלעס; קורח׳ס אוצרות; אַ קיילעכדיקער יתום; אַ שיינע, ריינע כפרה!

2. אָפּן און קלאָר ווי אויף דער דלאָניע; גרויס ווי אַ גענעץ; לאַנג ווי דער יידישער גלות; עלנט ווי אַ שטיין; קרום ווי אַ קאָטשערע; שווער ווי קריעת ים־סוף; שיכור (ווי) לוט.

3. אויפשטיין תחית־המתים; איבערכאַפּן די מאָס; איינקויפן זיך ביי אימעצן אין יחוס; אָנאַרבעטן אַ חתונה; אָננעמען עפּעס פאַר אַ כשרער מטבע; אָנקומען צו אימעצנס לאַסקע; אָנרייבן אימעצן אַ מאָרדע; אָפּטאָקן אַ ליגן (ליגנט); אָפּלעקן אַ ביינדל; אַרבעטן מעשים; אַרומגיין אין איינע צרות; באָדן זיך אין ווילטאָג; גיין אין ניוועץ; גנבענען די (דעם) גרענעץ; געבן אימעצן פעפער צו שמעקן; דאַוו(ע)נען מיט כוונה; דערגיין אימעצן די יאָרן; האַקן ווי אין קרויט; וואַרפן אויף אימעצן אַן אומחן; זאָגן אימעצן לא מיט אַן אַלף; זיין אַ מבין אויף אַ טשאַד; כאַפּן אַן איבעריקע כוסה; לאַכן מיט יאַשטשערקעס; מאַכן אַ קנאַק־יעקב; מאַכן זיך כלא־ידע; נעמען אימעצן אויפן צימבל; פראַוועון אַ סעודה כיד־המלך; פאַרבייטן די יוצרות; פאַרדינען וואַסער אויף קאַשע; פאַרזאָגן אַ צענטן; פאַרפירן אַ באַלעבאַטישקייט; פאַררעדן אימעצן די ציין; פאַרשפּאָרן אימעצן אַ טירחה; פירן אימעצן אין באָד אַריין; צונויפפירן אַ וואַנט מיט אַ וואַנט; צערעדן זיך פאַר פייער און פאַר וואַסער.

4. אויך מיר אַן לייט! אויף טשיקאַוועס; "אוי איז דאָס אַ רביצן, אַזאַ יאָר אויף מיר!" (טעאַטער־ליד); אָן אַ שיעור און אָן אַן ערך; אין אויסרייסעניש; הינטער די הרי־חושך; ווי אַ זאַך מאַכט זיך; "די מיזינקע אויסגעגעבן" (ליד פונעם פאָלקס־פּאָעט מאַרק וואַרשאַווסקי); אין אַ נאָווענע; נישקשה פון אַ מיידל; אַמאָל אין אַ פורים; פּטור אַן עסק; מיט אַלע פּיטשעווקעס; אַ קשיא אויף אַ מעשה.

5. ס׳האָט זיך אויסגעלאָזט אַ בוידעם; ס׳האָט מיר איבערגעחלשט דאָס האַרץ; דו ביסט ביי מיר דאָס אייבערשטע פון שטייסל!; ס׳איז פאַראַן ווער עס זאָל זיך אָננעמען זייער קריוודע; איך בעט־איבער אייער כבוד; ס׳גייט מיר אַדורך אַ סקרוך איבערן לייב; ס׳גייט אים דורך טיר און דורך טויער; ווי קומט הודו צו כוש?; הלוואַי האַלטן מיר דערביי; עס הייבט זיך ניט אָן און עס לאָזט זיך ניט אויס; עס טוט זיך חושך!; עס טויג אויף קלאָגן (אויף כפרות); די שטאָט איז געגאַנגען כאָדאָראָם; זי מאָלט ווי אַ מיל; ביסט אַ מבין, ווי עס פליוכעט?; ער האָט ניין מאָס רייד; די כלה איז מלא־חן; ס׳איז אַ מעשה אָן אַן עק; עס הערט זיך סמאַלינעס; פונוואַנען האָט ער זיך גענומען?; די (דאָס) ווייב פאַרלויפט אים אַלע וועגן; ער האָט פאַרקאָכט יענע קאַשע; פרעג(ט) מיך בחרם!; (ס׳איז) אויפן הימל אַ יאַריד!; (ס׳איז) פאָלג מיך (מיר) אַ גאַנג!; פון דער ידיעה איז אים געוואָרן קאַלעמוטנע אויפן האַרצן; עס קלעפּט זיך ווי אַן אַרבעס צו דער וואַנט; מ׳רעדט און מ׳רעדט און מ׳שושקעט זיך.

ס'איז איבעריק צו זאָגן, אַז אונדזער דייטשישער טעאַטער־קריטיקער וואָלט זיך גאָרניט פאַנאַנדערגעקליבן אין דעם אויבן־געבראַכטן שפּראַך־מאַטעריאַל. ער וואָלט אויף דעם געקוקט "ווי אַ האָן אין בני־אָדם" און "געקוועטשט מיט די פּלייצעס". מיט איין וואָרט – ער וואָלט ניט געוווּסט "מיט וואָס מ'עסט עס"!

ווער עס איז באַהאַוונט סיי אין יידיש, סיי אין דייטש – דער ווייסט ווויל, אַז צווישן די צוויי לשונות ליגט אַ טיפער תהום. די אַנדערשקייטן וועגן־אַריבער די אויבנאויפיקע, סקעלעטישע ענלעכקייטן. דער פאַקט, וואָס ענגליש, האָלענדיש און די סקאַנדינאַווישע שפּראַכן זיינען דורכגעוועבט מיט ווערטער, וועלכע האָבן ענלעך־קלינגענדיקע עקוויוואַלענטן אין דייטש, מינערט ניט זייער חשיבות אויף אַ האָר! אַ שפּאַניער אָדער אַ רומענער פאַרשטייט אומגעלערנטערהייט אַ ביסל איטאַליעניש, און אַ פּאָליאַק קען זיך מיט מאַטערניש צונויפרעדן מיט אַ רוס. דאָס נעמט זיך דערפון, וואָס די דאָזיקע לשונות זיינען קרוביש פאַרבונדן. קיינער זעט ניט אין דעם קיין בייז און קיינער מאַכט ניט דערפון קיין איבערגעאיילטע אויספירן. טאָ פאַרוואָס איז די וועלט אַזוי אומיושרדיק לגבי יידיש?

ס'איז שוין די העכסטע צייט, אַז מ'זאָל אויפהערן טראַקטירן אונדזער מאַמע־לשון ווי אַ שטיפקינד פון דער דייטשישער שפּראַך! די יידישע ליטעראַטור איז אַ שם־דבר אין אַלע עקן וועלט. די עשירות, די באַזונדערקייט און אָריגינעלקייט פון מזרח־אייראָפּעאישן יידישן לעבנשטייגער און פאָלקלאָר לאָזן זיך פון קיינעם ניט אָפּפרעגן. דערפון איז געדרונגען, אַז יידיש איז ניט בלויז אַ שפּראַך אין אייגענעם זכות, נאָר אַן עולם־קטן, אַ גאַנצע ציוויליזאַציע.

ווען דער פריער־דערמאָנטער דייטשישער זשורנאַליסט זאָל זיך געווען געבן די מי צו באַקענען זיך מיט יידיש פון דער נאָענט, וואָלט פאַר אים קלאָר געוואָרן, אַז דאָס לשון איז אַ סך האַרבער, סאָלידער און בכבודיקער ווי ער האָט זיך פאָרגעשטעלט. אָסור צי ער וואָלט געקענט איינבייסן שלום־עליכמ'ס אַ מאָנאָלאָג!

לערנען און פאָרשן די יידישע שפּראַך, טובלען זיך אין אירע לויטערע קוואַלן... דאָס איז די בעסטע רפואה פאַר די יעניקע, וואָס זיינען זי מבטל אומזיסט־און־אומניזשט.

---

(המשך פון ז' 51)

צעגאָסן אויף יעדן לייוונט זיינעם. און ווען עלי פאָר, דער מומחה, האָט פון חיים סוטין געהומען האַלטן אַ וועלט, האָט ער אים שוין מקרב געווען, גענומען לאָדן אים צו זיך אַ היים, ביי זיין טיש, און אין סאַלאָן אים באַזעצט. ערשט איצט האָט דער גאַסטגעבער דערפילט די גריזאָטע וואָס גריזשעט דעם אָ גאונישן יידישן מאָלער.

די היים פון עלי פאָר, דאַרף מען זאָגן, האָט געטונקט אין גייסט, אין זיין סאַלאָן, וואָס האָט געשמט אין פּאַריז, האָבן זיך פאַרזאַמלט די שפּיצן פון דער אינטעלעקטועלער וועלט. פאַר חיים סוטין, דעם קנאַפּ געהובלעוועטן סמילאָוויטשער יונגן ייד, איז די היים פון עלי פאָר געווען אַ קוואַל פון גאָלע נייעס און נייעס – ממש אַ נס מן השמים. ווייל איצט דאָ, האָבן זיינע אויערן, די פאַרבענקטע נאָך וויסן, געשעפּט תורה און חכמה.

פסיה פורטנוי / תל־אביב

# פון ישראלדיקן טעאַטער



תיקי ריין, רמי ברוך, קרן דרור

ווען אין די שפּעטע 60־ער יאָרן איז דאָס לאַנד נאָך געווען פאַרשיכורט מיטן אומגעהויערן זיג פון דער זעקסטאָגיקער מלחמה, האָט זיך געהערט אַ נייע שטים אין ישראלדיקן טעאַטער. ביים אָנהויב, האָט דאָס דערוועקט דערשטוינונג: ווי קומט עס, אַז אַ יונגער בחור, אַ סטודענט פון 21 יאָר, זאָל זיך דערוועגן גיין קעגן שטראָם און פאָרשטעלן אַ סאַטירע אונטערן נאָמען: "דו און איך און די קומענדיקע מלחמה", ווען פאַר אַלעמען איז קיין ספק נישט געווען, אַז די אָקערשט פאַרענדיקטע איז געווען די לעצטע מלחמה? דאָס זיינען געווען חנוך לעווינס ערשטע שריט אין טעאַטער און דער אָנהויב פון זיין העכער דרייסיק יאָריקער קאַריערע אַלס דראַמאַטורג, וואָס האָט זיך פאַרענדיקט מיט פיר יאָר צוריק. און ער איז קוים אַלט געווען 53 יאָר.

אָבער אויב זיין "דו און איך..." האָט פאַרשאַפט דעם עולם אַ געמיש פון דערשטוינונג און כעס, האָט זיין קומענדיקע סאַטירע "די מלכה פון באָד" אַרויסגערופן אַ נאָך גרעסערן סקאַנדאַל און מען האָט עס אין געאייל געמוזט אַראָפּנעמען פון דער בינע, צוליבן כסדרדיקן טומל פון פּובליקום, וואָס האָט געדראָט מיט אויפרייסן דעם טעאַטער. אפשר וואָלט דער טעקסט, וואָס האָט אָפּגעלאַכט פון גולדה מאיר _דעמאָלטיקע פּרעמיער־מיניסטאָרין), ווי עס איז דורכגעגאַנגען, ווען נישט דאָס ליד "מיין טייערער פאָטער, ווען וועסט שטיין אויף מיין קבר". דאָ האָט דער מחבר באַשולדיקט די עלטערן, אַז זיי שיקן זייערע קינדער צום טויט. ווי אַזוי האָבן די אבדלדיקע עלטערן אים געקענט מוחל זיין ווען ער זאָגט: "...און זאָג נישט, אַז דו האָסט זיך מקריב געווען, / ווייל געבראַכט דעם קרבן האָב איך / און רעד שוין קיין הויכע ווערטער נישט מער / ווייל איך ליג שוין, פאָטער, זייער טיף". און די לעצטע סטראָפע: "מיין ליבער פאָטער, ווען וועסט שטיין אויף מיין קבר / אַן אַלטער און מידער און איינזאַם ביז גאָר, / און וועסט זען ווי מען לייגט מיך אַריין אין דער ערד - / בעט ביי מיר דאַן, פאָטער, פאַרגעבונג".

פון יענעם סקאַנדאַליעזן אַנהויב און נאָך מער סקאַנדאַליעזע פּיעסן, וואָס חנוך לעווין האָט יערלעך געשאַפן און די טעאַטערס האָבן זיי מיטן זעלבן טעמפּאָ פאָרגשטעלט, האָט דער שפּעריגער דראַמאַטורג באַקומען אַ נאָמען פון אַן "אַנפאַן טעריבל", אָבער אויך אָנערקענט געוואָרן ווי אַ דראַמאַטורג מיט אַן אייגנאַרטיקער שטים, מיט אַ פעיקייט צו שאַפן אַ וועלט, אין וועלכער דער מענטש באַווייזט זיך ווי אַ "קליין מענטשעלע", וואָס האָט זיך נישט מיט וואָס צו גרויסן.

איצט פירט אויף ס'ניי אויף דער "קאַמרי"־טעאַטער אין תל־אביב "יעקובי און ליידנטאַל", איינע פון חנוך לעווינס ערשטע פּיעסן. און וואָס ווייזט זיך אַרויס? דאָס וואָס "דער דיבוק" איז געווען אין דער געשיכטע פון העברעישן טעאַטער - אַ פולשטענדיקע

טעאַטער־שאַפונג פון איר תקופה, וואָס איז פאַרבליבן איבער דורות, איינציייטיק מיטן בייטן זיך פון שוישפּילער און צושויער - אַזוי איז "יעקובי און ליידנטאַל" אין דער געשיכטע פון ישראלדיקן טעאַטער: דער אמת וועגן דער וועלט־סטרוקטור לויט ווי חנוך לעווין האָט זי פאַר אונדז פאַרגעשטעלט מיט 32 יאָר צוריק. אַ שילדערונג וועגן צוויי מענער און איין פרוי, אויסגעטאָן פון אַלע קאָנווענציאָנאַליזמען, וואָס אַנטפּלעקט זיך פאַרן צושויער אכזריותדיק, פשוט און ליריש.

אָן ספק, איז די פּרעמיערע מיט 32 יאָר צוריק פון "יעקובי און ליידנטאַל" אין קאַמער־טעאַטער, אונטער דער רעזשי פון חנוך לעווין אַליין, מיט זהרירה חריפאי, יוסף כרמון און אַלבערט כהן, מיט דער זעלבער דעקאָראַציע און כמעט די זעלבע קאָסטיומען - פשוטע און שיינע פון רות דר, ווי איצט, מיטן זעלבן מישא בלעכעראָוויטש ביים פּיאַנאָ, געווען איינע פון די איינדרוקספולע טעאַטער־איבערלעבונגען. איצט איז דער עולם געזעסן פאַרטראַכט אין זכרונות, נייגעריק צו וויסן ווי אַזוי עס ווירקט אויף די רעשיקע מיטלשול־תלמידים אויף דער גאַליאָרקע.

און עס האָט געווירקט ווי מיט אַ כישוף־שטעקעלע. יוסף כרמון, איצט אַלס רעזשיסאָר, חזרט איבער טריי און בכיוונדיק לעווינס רעזשי־ליניעס און דריי שוישפּילער מאָדעלירן אויף ס'ניי די געשטאַלטן איינגעקריצטע אין זכרון: דרור קרן אין אַ מין עקסטראַקט פון תמימותדיקער קינדערישקייט, די פאַרקערפּערונג פון אומגליקלעכקייט; רמי ברוך, אַן אומצופרידענער איתמר יעקובי, און תיקי דיין - קינדעריש פון איין זייט און פון דער צווייטער, מיט איר דראַמאַטישן כוח און טיפן ווייטיק, וואָס באַצייכנט די טראַגישקייט פון דער קאָמעדיע, אין צווייטן טייל. און דאָס האַרץ צעפאַלט אויף שטיקלעך ווען די דריי זינגען "מאָרגן וועל איך זיך אַ פּיאַנאָ קויפן", פונקט ווי דעמאָלט ווען איך בין יונג געווען.

---

(המשך פון ז' 46)

בריוו און עס פאַרקריצן זיך אין זיכרון נעמען און געשעענישן, דער נאַיווער ענטוזיאַזם פון די יונגע יידישע בחורים, וועלכע וואַרטן מיט אומגעדולד אויף דער רגע ווען מען וועט זיי וואַרפן אין פייער פון דער ערשטער פראָנט־ליניע און זיי וועלן האָבן אַ מעגלעכקייט צו דערלאַנגען קלעפּ דעם שונא, נישט טראַכטנדיק וועגן דער געפאַר פאַר זייער אייגן לעבן. אַ שטיק געשיכטע פון אַ צייט, וואָס ווערט ביסלעכווייז פאַרגעסן, האָט דאָ אויפגעדעקט און פאַראייביקט אלישבע כהן־צדק.

אין אייניקע דערציילונגען פלעכט זיך דורך די טעמאַטיק פון חורבן, וואָס פאַרפאָלגט יעדן היינטצייטיקן יידישן שרייבער. עס ווילט זיך אָבער דאָ ספּעציעל דערמאָנען די קליינע פּאָעטישע פאַרצייכענונג א"נ "פּאָזעמקעס אין פאָנאַר", וואָס מאַכט אַן אומפאַרגעסלעכן, אויפטרייסלענדיקן איינדרוק מיט דער געצוימטקייט פון וואָרט און בילד.

אלישבע כהן־צדק איז, ווייזט אויס, פאַרליבט אין בלומען. איר ערשט בוך וואָס איז אַרויס אין ישראל האָט געטראָגן דעם כאַראַקטעריסטישן און פילזאָגנדיקן נאָמען פון אַ בלימל - "פאַרגעס מיך ניט", און איצט האָבן מיר באַקומען "מענטשן וואָס פלאַנצן בלומען". די בלומען, ווי די מענטשן, זענען לעבעדיקע אינעם בוך, און אַזוי ווי בלומען וואָס מען באַהאַלט צווישן די בלעטער פון אַ בוך צום טריקענען, וועלן אויך די בילדלעכע דערציילונגען און סקיצעס, וואָס זענען איינגעזאַמלט אין איר בוך, האָפענטלעך, פאַרבלייבן אויף לאַנגע יאָרן.

**מ.ש.**

פיניע פלאָטקין

# דאָרט ווו עס פליסט די בערעזינאַ

## אַ גרוס פון דער אַלטער היים

איך לעב ווייט פון דאָרטן, זייער ווייט. עס איז שוין אַריבער מער ווי צען יאָר, אַז איך האָב פאַרלאָזן יענע ערטער, ווו עס פליסט די בערעזינאַ און ס'שטייט די ווייסרוסישע שטאָט באָברויסק מיט אירע פילצאָליקע גאַסן און געסלעך. פון דאָרט זיינען מיר, ד"ה איך און מיין פרוי עטילי, געקומען אין דער אַמעריקאַנער גאָלדענער געגנט, אין דער גרויסער און באַוווסטער שטאָט לאָס-אַנדזשעלעס. די קינדער זיינען שוין געווען אין אַמעריקע אַ לאַנגע צייט, האָבן זיי געוואָלט, אַז מיר זאָלן וואָס גיכער זיין אין איינעם.

איך געדענק נישט פינקטלעך אַלע פרטים ווי פון מאָסקווער עראָפּאָרט "שערעמעטיעוואָ" זיינען מיר געפלויגן אַ גאַנצע נאַכט און אין דערפרי געקומען קיין ניו-יאָרק, און פון דאָרט, שוין אויף אַן אַמעריקאַנער "באָינג", קיין לאָס-אַנדזשעלעס.

דער ערשטער איז מיט אונדז באַקאַנט געוואָרן און באַזוכט אונדזער דירה אויף סיערראָ-באָניטאָ-גאַס דער יידישער פּאָעט און לאַנגיאָריקער רעדאַקטאָר פונעם זשורנאַל "חשבון", משה שקליאַר. איך בין מיט אים געוואָרן באַפריינדט און אַזוי ביז היינט. כ'האָב זיך אויך באַפריינדט מיט די יידישע שרייבערס שמואל באַט ז"ל, חיים שוואַרץ ז"ל און לילקע מייזנער. אַביסל שפּעטער זיך באַגעגנט מיטן דאָקטער און שרייבער משה וואָלף. זיי אַלע האָבן מיר געהאָלפן זיך איינגלידערן אין דער נייער סביבה.

אָבער די נאָסטאַלגיע נאָך דער שטאָט, ווו כ'בין געבוירן געוואָרן, זיך געלערנט און געאַרבעט, גייט נישט אַריבער - איך קען נישט פאַרגעסן ד שטעטלעך אַרום באָברויסק, אַוועלכע איך פלעג נישט זעלטן באַזוכן. וואָס איז פון זיי געוואָרן אַצינד? דערפער, פאַרלאָזענע יישובים, ווו זעלטן ווער פון די איינוווינער ווייסט, וואָס אַ ייד באַטייט.

און פּלוצעם קומט אין זכרון, ווי אויף אַ קינאָ-עקראַן, אָדער ווי אַן אינטערנעט-פאָרשטעלונג: איך שטיי לעבן בריק, וואָס פאַראייניקטביידע ברעגן פונעם טייך, פון דאַנען הייבט זיך אָן באָברויסק. עס וויקלט זיך פונאַנדער די פּאַנאָראַמע פון דער שטאָט, וועלכע איז אין די נאָכמלחמה-יאָרן געוואָרן אַ וויכטיקער אינדוסטריעלער און קולטורעלער צענטער פון ווייסרוסלאַנד.

אויפן רעכטן ברעג טייך זיינען נאָך פאַרבליבן די ווענט פון דער אַלטער באָברויסקער פעסטונג. זי האָט שוין מיט פיל יאָרן צוריק פאַרלאָרן איר באַדייטונג און איצט פאַרמאָגט זי בלויז אַ היסטאָריש-וויסנשאַפטלעכן ווערט.

די זון איז שוין פאַרגאַנגען. אויפן ריינעם הימל האָבן זיך באַוויזן די ערשטע בלאָנקענדיקע שטערן און די לבנה, וואָס איז אָקערשט אַרויסגעקראָכן, ווער ווייסט פון וואַנען, האָט זיך געבאָדן אין די קלאָרע וואַסערן פון דער בערעזינאַ. איך בין צוגעגאַנגען נעענטער צום טייך. די מענטשן, וואָס זיינען דאָרט געווען, האָבן זיך געקליבן פאַרלאָזן דעם זאַמדיקן פּליאַזש. עס איז געווען פריש און קילבלעך.

...מיין דירה איז שוין ניט אויף סיערראָ-באָניטאָ-סטריט, נאָר ווייט פון איר אין סאַנטאַ מאָניקאַ, אויפן ברעג פון דעם גרויסן און שטילן אָקעאַן, פון וואַנעט אָפט וואַרעמע ווינטן בלאָזן, אָדער אַ שוואַרצער נעפּל הייבט זיך אויף און פאַרשטעלט די בייברעגיקע טיילן פון שטאָט.

אין אַזעלכע טעג ווערט מיר שווער אויפן האַרצן. איך קאָן נישט רויק אַרומגיין,

און שולדיק אין דעם איז די בענקשאַפט, וואָס גייט נישט אַריבער ווי אַ פּאַרשלעפּטע קרענק.

פאַר די אויגן, ווידער דער זעלבער קינאָ־עקראַן, נאָר די בילדער זיינען אַנדערע: שרעקלעכע, ווייטיקדיקע, בלוטיקע. דאָס דערמאָן איך זיך, וואָס מיר האָט דערציילט וולאַדימיר סיקאָרסקי, אַ באַוווסטער באָברויסקער פּאַרטיזאַן. אין אָנהייב מלחמה איז ער אַנטלאָפן פון וואַרשע און זיך פאַרהאַלטן דאָרט, ווו די בערעזינאַ פליסט.

"7־טער נאָוועמבער 1941. פון אַלע עקן שטאָט המונים פרויען, קינדער, זקנים האַלב נאַקעטע ווערן מיט געוואַלד אַרויסגעטריבן פון זייערע הייזער. שנעל! שנעל! – האָבן געריטשעט די צווילדעוועטע געסטאַפּאָ־לייט. פרויען האָבן געיאָמערט, קינדער האָבן געוויינט, ווי זיי וואָלטן געפילט, אַז יעדער טראָט דערנעענטערט זיי צו אַ פיל־יסורימדיקן טויט. אַ גערדיכטער שניי איז געפאַלן, דער ווינט האָט געשניטן אין פנים. דער גרויזאַמער מאַרש האָט זיך געצויגן ביז די שפּעטע נאַכט־שעהען. אין די הויפן און הייזער, וואָס זיינען אויסגעליידיקט געוואָרן פון זייערע איינוווינערס, האָט זיך אָנגעהויבן אַ רויבעריי, דורך די אויסגעבראָכענע פענצטער און טירן זיינען געפלויגן שטוב־זאַכן, די נאַציס האָבן צוגערויבט אַלץ, וואָס איז זיי געקומען אין האַנט".

* * *

צוויי אַזייגער ביי טאָג, דעם 10 יוני. מיין באַקאַנטער בריוונטרעגער גיט מיר איבער אין האַנט אַריין אַ שווערן פּאַקעט. ער זעט ווי איך עפן אים אויף, שמייכלט און דערביי נישט הילכיק טוט ער אַ פרעג: – פון דער ווייט? – פון באָברויסק – ענטפער איך, פון דאָרט, ווו ס'פליסט די לעגענדאַרע בערעזינאַ.

פון דער אומדערוואַרטקייט האָב איך זיך עטוואָס פאַרלוירן, אויף אַ רגע געבליבן אַפּהענטיק, אָבער גיך געקומען צו זיך, דאָרט, אין דעם פּעקל, איז געלעגן אַ בריוו פון לעאָניד אַראָנאָוויטש רובינשטיין – פּרעזידענט פון דער באָברויסקער יידישער קהילה און וויצע־פּרעזידענט אויך פון דער ווייסרוסלענדישער יידישער קהילה. פון פּאַקעט האָב איך אַרויסגענומען זיין ערשטע לידער־זאַמלונג "גליקלעך לעבן". אַ בינטל מיינע לידער האָט ער איבערגעזעצט אין רוסיש און איינגעשלאָסן אין זיין בוך.

חוץ דעם האָט ער צוגעשיקט אַ בראָשור וועגן באַוווסטע שרייבערס און פּאָעטן און אויך מענטשן, וואָס האָבן נישט לאַנג אָנגעהויבן זייער ליטעראַרישע טעטיקייט. אין דער בראָשור, וואָס הייסט "באָברויסקער ליד" ווערט אויך דערציילט וועגן מיין ליטעראַרישער טעטיקייט. באַזונדערס ווערט דאָרט דערמאָנט דער קינאָ־רעזשיסער און שרייבער אפרים סאַוועלאַ (אפרים דראַבקין). לויט זיינע סצענאַרן זענען געשטעלט געוואָרן פיר קינאָפילמען. נישט נאָר אין רוסלאַנד אַליין זיינען באַוווסט זיינע ביכער "לעגענדע פון דער אינוואַלידן–גאַס", "מאָניע צאַצקעס – פּאָנעטרעגער", "שטעלט אָפּ דעם עראָפּלאַן" א"א. דער באַקאַנטער קינסטלער – מיטגליד פון סאַנקט־פּעטערבורגער קינסטלער־פאַראיין, שרייבער און פּאָעט אפרים דראַבקין געפינט זיך מערסטנטייל אין באָברויסק, ווו ער איז פּראָדוקטיוו און שאַפט קינסטלערישע ווערק. "דער באָברויסקער שאַגאַל" – אַזוי רופן אים אָן די ליבהאָבער פון זיין קונסט. פּאָפּולער צווישן די באָברויסקער לייענער איז זיין בוך, וואָס הייסט "פון אונטן אויף דער שאָסיינער גאַס". דעם לייענער זיינען אויך גוט באַקאַנט די נעמען פון דעם ווייסרוסישן שרייבער מיכאַיל גערטשיק און פון דעם שרייבער לעאָניד קאָוואַל (קאָוואַליערטשיק)..

(המשך ז' 62)

## אָנגעקומען אין רעדאַקציע

* **אלישבע כּן־צדק**: "מענטשן וואָס פלאַנצן בלומען", דערציילונגען און פובליציסטיק. 286 זז', ה. לייוויק־פאַרלאַג, תל־אביב, 2003.

* **"When it comes to living"**, selected stories by Zalman Vendrof. Translated by Irene Jerison. Fithain Press, Milkinleyville, California, 2004, 239 pp.

**זלמן ווענדראָף**, דער מחבר פונעם בוך "ווען עס קומט צום לעבן", איז געווען איינער פון די עלטסטע און באַוווסטע סאָוועטיש־יידישע שרייבערס, געשטאָרבן אין עלטער פון 94 יאָר אין מאָסקווע (1974). ווענדראָפס דערציילונגען זענען איבערגעזעצט געוואָרן אין פיל שפּראַכן פון די פעלקער פון געוועזענעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, ווי אויך אין דייטשיש, פויליש, בולגאַריש, ער אַליין האָט אויך איבערגעזעצט אין יידיש ווערק פון קיפּלינג, דזשעק לאָנדאָן, מאַרק טווין, סטיינבעק א"א. די איצטיקע איבערזעצונג פון אירען דזשעריסאָן, ווענדראָפס אַ ווייטע קרובה, איז די ערשטע זאַמלונג פון זיינע קורצע דערציילונגען אין ענגליש.

* **"טאָפּלפּונקט"** נומ' 8, פערטליאָרשריפט פאַר ליטעראַטור, קונסט און געזעלשאַפטלעכע פראַגעס, תל־אביב, פרילינג 2004. רעדאַקטאָר: **ישראל רודניצקי**. אַרויסגעגעבן דורך דער "נאַציאָנאַלע אינסטאַנץ פאַר יידישער קולטור". ווי די פריערדיקע נומערן איז דער זשורנאַל רייך אין אינהאַלט און שיין אילוסטרירט. ווי עס ווערט געזאָגט אינעם "וואָס פריער" פון רעדאַקטאָר ווערט אָפּגעגעבן "פאָרדינטער כבוד דער סעניאָרא פון דער יידישער פּאָעזיע אין ישראל רבקה באַסמאַן בן־חיים". דער נומער עפנט זיך מיט אַ גרעסערן ציקל לידער פון דער פּאָעטעסע און אַן עסיי וועגן איר שאַפונג פון אלכסנדר שפּיגלבלאַט. פאַראַן אויך לידער צ"א פון די אונדז באַקאַנטע דיכטער דוד וואָלפע און משה שקליאַר און אַן עסיי פון משה וואָלף.

* **"די צוקונפט"**, ניו־יאָרק, מאַי־נאָוועמבער 2003. אַרויסגעגעבן פון אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס. רעדאַקטאָר: **איציק גאָטעסמאַן**.

* **"אונדזער צייט"**, ניו־יאָרק, אָרגאַן פון קאָאָרדיניר־קאָמיטעט פון בונד, יאַנואַר־מערץ 2004. רעדאַקטירט פון אַ קאָלעגיע.

* **"לעבנספראַגן"**, תל־אביב, סאָציאַליסטישע חודש־שריפט פאַר פּאָליטיק, געזעלשאַפט און קולטור. מאַי־יוני 2004. רעדאַקטאָר: **יצחק לודען**.

* **"יוגנטרוף"**, ניו־יאָרק נומ' 98, אַלוועלטלעכער יידישער קולטור־זשורנאַל, אויגוסט 2003. רעדאַקטאָר: **לאה ראָבינסאָן**.

* **"יידישע העפטן"**, פּאַריז, נומ' 82, מאַי 2004. רעדאַקציע־קאָמיטעט: **הענרי בולאַווקאָ, קלאָד האַמפּעל, מרדכי לערמאַן, מילכה שולשטיין און שאַרל זאַבוסקי**.

* **"צום פּונקט"**, יידיש פון גרויס וואַשינגטאָן. יוני־יולי 2004. צווייִשפּראַכיקער בולעטין, רעדאַקטאָר פון יידישן טייל: **מאַרק האַרצמאַן**: רעדאַקטאָר פון ענגלישן טייל: **שעלבי שאַפּיראָ**

### "נאָך דעם בלוט־מבול" -- ניי בוך פון שמחה סימכאָוויטש

אין טאָראָנטאָ איז אַרויס אַ ניי בוך פון באַקאַנטן דיכטער שמחה סימכאָוויטש מיטן נאָמען "נאָך דעם בלוט־מבול". דאָס בוך פון 350 זייטן, אין ווייכן איינבונד, באַשטייט פון צוויי טיילן: "מענטשן און ווערק" און דער אויפשטייג פון רישעות".

די ערשטע טייל שליסט איין 60 קורצע און לענגערע אָפּהאַנדלונגען וועגן יידישע שרייבער און קינסטלער פון נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה, וואָס האָבן מיט זייערע שאַפונגען געהיילקט דעם אָנדענק פון די מיליאָנען אומגעקומענע אין דער שואה.

אין צווייטן טייל פון בוך גייען אַריין אַרטיקלען און דערמאָנונגען וועגן אומקום פון די יידישע קהילות אין אָטוואָצק, לאָדזש און ווילנע, ווי אויך באַטראַכטונגען וועגן אויפשטייג פון היטלעריזם און דער אַנטי־יידישער פּאָליטיק פון קאָמוניסטישן רעזשים אין געוועזענעם ראַטן־פֿאַרבאַנד.

כמעט אַלע אַרטיקלען און אָפּהאַנדלונגען פון בוך זיינען אין משך פון די לעצטע יאָרן געווען פאַרעפנטלעכט אין "פֿאָרווערטס", "יידישע קולטור" "אונדזער צייט" (ניו־יאָרק), "לעבנס־פראַגן" (תל־אביב), "דאָס יידישע וואָרט" (וואַרשע), ""חשבון" (לאָס־אַנדזשעלעס) און "דער אָנהייב" (מיאַמי־טאָראָנטאָ).

דער פּרייז פון בוך, אַריינגערעכנט פּאָסטגעלט איז 25 דאָלער US וואָס מען דאַרף שיקן צו:

S. Simchovitch Book Fund
17 Tillplain Rd.
North York, ONT. M3H 5R1
Canada

---

# אלכסנדר שפּיגלבלאַט און ישראל רודניצקי לאַורעאַטן פון דוד האָפּשטיין פּרייז

אינעם לייוויק־הויז אין תל־אביב איז פאָרגעקומען די 18־טע פּאַרטיילונג פון דוד האָפּשטיין־פּרייז. דאָס מאָל זענען מיט דעם פּרעסטיזשפולן פּרייז באַלוינט געוואָרן דער שרייבער און פּאָעט אלכסנדר שפּיגלבלאַט און דער זשורנאַליסט און רעדאַקטאָר ישראל רודניצקי. ווי שטענדיק איז לכבוד דער פּאַרטיילונג פונעם פּרייז אַרויס אַ בראָשור, וווּ עס זענען פאָרגעשטעלט די לאַורעאַטן און די מאָטיוון פון דער זשורי. די בראָשור עפנט זיך מיט אַ ציקל לידער פון דוד האָפּשטיין און אַן עסיי פון אליעזר פּאָדריאַטשיק א"נ "אַ נאַכט פון התגלות".

---

(המשך פון ז' 60)

ווייטער דערוויס איך זיך, אַז די באָברויסקער יידישע קהילה איז גוט אָרגאַניזירט. ס'איז דורכגעפירט געוואָרן אַ פּינקטלעכע נומעראַציע פון די קברים אויף די בית־עלמינס. אין אָרדענונג זיינען געבראַכט געוואָרן די ערטער לעם די דערפער קאַמענקאַ און יעלאָוויקי, ווו די דייטשן מיט זייערע מיטהעלפער האָבן אומגעבראַכט די יידישע באַפעלקערונג פון שטאָט.

מיר העלפן מאַטעריעל די מענטשן, וואָס נייטיקן זיך אין אונדזער הילף – שרייבט דער פּרעזידענט פון דער קהילה. אַזוינע מענטשן זיינען ביי אונדז פאַראַן נישט ווייניק, באַזונדערס קראַנקע און עלטערע יידן. עס דערשיינט אַ צייטונג, וואָס הייסט "גשר", ווו ס'שפּיגלט זיך אָפּ דאָס פּילזייטיקע לעבן פון דער צווייטער אין ווייסרוסלאַנד, לויט דער צאָל און גרייס, יידישער קהילה.

# כראָניק פון לאָס־אַנדזשעלעסער יידישן קולטור־קלוב

**פרילינג 2004**

* שבת דעם 17־טן אַפּריל, אָנדענק־אָוונט לכבוד די העלדן און מאַרטירער פון וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד און אַלע קדושים און קעמפער פון די געטאָס און היטלערישע טויט־לאַגערן. דער אָוונט איז אָרגאַניזירט געוואָרן דורך אַ פאַראייניקטן קאָמיטעט פון יידישן קולטור־קלוב, אַרבעטער־רינג, שלום־געזעלשאַפט, "יידישקייט" א"א סעקולערע יידישע אָרגאַניזאַציעס אין שטאָט. אין פּראָגראַם: אַריינפיר־ווערטער פון **עריק גאָרדאָן** (אַרבעטער־רינג) און **לילקע מייזנער** (יידישער קולטור־קלוב). נאָכן צינדן די זעקס סימבאָלישע יאָרצייט־ליכט האָבן **סטיוו קליין**, **מילרעד גאָלד** און **עריק גאָרדאָן** פאָרגעלייענט אין יידיש און ענגליש לידער און זיכרונות וועגן געטאָ־ קעמפער, ביי דער מוזיק־באַגלייטונג פון **דזשאָאַן קאַזדען**, **סוזען לערנער** און **רות זייד**. נאַראַציע און איבערזעצונגען: **הערשל האַרטמאַן**.

* זונטיק דעם 2־טן מאַי, לעקציע פון **פּראָפ׳ מאַרווין צוקערמאַן** אד"ט: "איז אַמעריקע ווירקלעך אַזאַ גאָלדענע מדינה?". נאָך דער לעקציע - אַ מוזיקאַלישער טייל.

* זונטיק דעם 23־סטן מאַי, דער אָנפירנדיקער טוער פון דער שלום־געזעלשאַפט אין ל"א **הערשל האַרטמאַן** האָט זיך געטיילט מיט זיכרונות פון זיין "קאַריערע ווי אַ זשורנאַליסט". אויך דאָס מאָל האָט דער נאָכמיטאָג זיך פאַרענדיקט מיט אַ מוזיקאַלישן טייל.

* זונטיק דעם 6־טן יוני, פאַרזאַמלונג צום אָנדענק פון באַוווסטן יידישן שרייבער **אברהם קאַרפּינאָוויטש**. וועגן קאַרפּינאָוויטשעס לעבן און שאַפן האָבן גערעדט **בעבע לעווענטאַל**, וועלכע האָט באַזונדערס דערמאָנט זיינע ווילנער געשטאַלטן, און דער דיכטער **משה שקליאַר**. דער אַקטיאָר **יעקב לעווין** האָט פאָרגעלייענט פון קאַרפּינאָוויטשעס ווערק.

* זונטיק דעם 13־טן יוני, פייערלעכער קאָנצערט צום אָפּשלוס פונעם קולטור־סעזאָן. עס האָבן זיך באַטייליקט: **אַנאַטאָלי בערקאָוויטש** (באַריטאָן), **דיאַנאַ וואָלמאַן** (פּיאַנאָ) און די פידל־סאָליסטין **לודמילאַ אַדיעמאָוואַ**. די קינסטלערס זענען זייער וואַרעם אויפגענומען געוואָרן דורך דעם פאַרזאַמלטן עולם

* שבת דעם 15־טן אויגוסט האָבן מיר אָפּגעמערקט, אין זאַל פון אַרבעטער־רינג, דעם יאָרטאָג פונעם מאָרד איבער די סאָוועטיש־יידישע שרייבערס און קולטור־טוערס. דער נאָכמיטאָג איז אָרגאַניזירט געוואָרן דורך אַ קאָמיטעט פון די סעקולערע יידישע אָרגאַניזאַציעס אין שטאָט: יידישער קולטור־קלוב, אַרבעטער־רינג, "יידישקייט", שלום־געזעלשאַפט א"א. נאָך די אַריינפיר־ווערטער פון **עריק גאָרדאָן** (אַרבעטער־רינג) און **לילקע מייזנער** (יידישער קולטור־קלוב), האָט דער אַקטיאָר **יעקב לעווין** פאָרגעלייענט אייניקע לידער פון די אומגעבראַכטע יידישע דיכטערט **לייב קוויטקאָ**, **דוד האָפשטיין**, **שמואל האַלקין** און **איציק פעפער**. **לאָרענס בראַודע**, **איירל קרעמער**, **סטען ראָט** און **הערשל האַרטמאַן** האָבן אויסגעפירט אַן אינסצעניזאַציע אויפן סמך פון די פּראָטאָקאָלן פונעם מאָסקווער פּראָצעס. מוזיק און געזאַנג: **רות זייד** און **עריק גאָרדאָן**. די אינסצעניזאַציע און ענגלישע איבערזעצונגען: **הערשל האַרטמאַן**.

(סוף פון ז׳ 40)

מער ווי 50 יאָר האָב איך אָפּגעלעבט מיט מיין פרוי און שטענדיק, ווען איך פלעג זיך צו איר דערנענטערן, האָב איך געזען... חנהלען. אַ גאַנץ לעבן שטייט זי פאַר מיינע אויגן, ווי כ׳האָב זי געזען דאָס לעצטע מאָל ביי איר פעטער, אין מיעדזעשין.

נישט איין מאָל קומט מיר אויפן געדאַנק: וואָס וואָלט געווען, ווען איך מיט חנהלען וואָלטן זיך צוזאַמען געעלטערט און אין לויף פון יאָרן וואָלט זי געוואָרן גרוי, איינגעבויגן, מיט אַ צעאַקערט פנים, און אפשר אויך געקרענקט ווי מיין פרוי? צי וואָלט איך זי ליב געהאַט אין אַזאַ מצב? אָבער חנהלע איז נישט אַלט געוואָרן. זי שטייט דאָס גאַנצע לעבן פאַר מיינע אויגן אין איר פולער יונגער מיידלשער פּראַכט.

צי איז מעגלעך אויף דער וועלט אייביקע ליבע? פאַר וואָס קען איך קיין מאָל נישט פאַרגעסן חנהלען?

ווען מיין שכן האָט פאַרענדיקט זיין דערציילן איז שוין געווען שפּעט אין דער נאַכט. די גאַס אַרום איז געווען ליידיק. אויפן שוואַרצן הימל האָבן בלויז געפינקלט שטערן, ס׳האָט זיך געדאַכט ווי זיי וואָלטן שטיל געערעדט צווישן זיך וועגן מיין שכנס עלנטקייט און מיטגעפילט מיט אים... בלויז מיר, צוויי אַלטע יידן, זענען נאָך געזעסן אויף דער באַנק. מיין שכן האָט געלאָזן אַ טרער פון זיינע גרויע וואַסערדיקע אויגן. איך האָב אים געוואָלט מיט עפּעס טרייסטן און נישט געפונען קיין ווערטער.

## אַ ברייטהאַרציקע מתנה
## פון מישאַ און סאָניאַ יאַבלאָן קולטור־פאָנד

פונעם יאַבלאָן קולטור־פאָנד אין לאָס־אַנדזשעלעס האָבן מיר באַקומען אַ ברייטהאַרציקע מתנה פאַר דעם יידישן קולטור־קלוב און דעם זשורנאַל "חשבון", באַגלייט מיט אַ קורץ בריוול:

"טייערע חברים,
מיט גרויס צופרידנקייט האָבן מיר ווידער באַשטימט מיטלען צום בייקומען אייער דעפיציט און ממשיך זיין די אַרבעט ביים אויפהיטן די יידישע שפּראַך אין אונדזער היגער קהילה.
בייגעלייגט איז אַ טשעק אויף 5,000 דאָלאַר, באַגלייט מיט אונדזערע בעסטע ווונטשן פאַר אייער אָרגאַניזאַציע, מיטגלידער און לייענערס".

זייט געזונט –

**אויגוסט מיימודעס – פּרעזידענט".**

---

אין נאָמען פון אונדזערע מיטגלידער און לייענערס דריקן מיר אויס אַ האַרציקן דאַנק דער יאַבלאָן־פונדאַציע פאַר דער ברייטהאַרציקער מתנה.

**פאַרוואַלטונג פון יידישן קולטור־קלוב**
**אין לאָס־אַנדזשעלעס,**
**רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע**
**פון "חשבון"**

שנת ברכה והצלחה צו אונדזערע פריינד און באַקאַנטע ושלום
על ישראל אין מדינת ישראל און איבער דער גאָרער וועלט

---

## דער דיסטריקט קאָמיטעט פון

# אַ ר ב ע ט ע ר ר י נ ג

**שיקט זיינע האַרציקע שנה טובה ברכות צו אַלע
מיטגלידער און פריינד בכל מקום שהם.**

Dear friends, we earnestly appeal to you. Join the Workmen's Circle/Arbeter Ring and help us teach and preserve Yiddish for the next generation. Please do your part. Help us grow and sustain our critically important work. As Hillel has said, "If not you, who?" Join Now!

**ARBETER RING/
THE WORKMEN'S CIRCLE**

1525 S. Robertson Blvd. • Los Angeles, Calif. 90035

**אָדער טעלעפאָנירט** (310) 552-2007

---

דער לאָס אַנדזשעלעסער
יידישער קולטור קלוב

***שיקט זיינע האַרציקע שנה טובה ברכות צו אַלע
אונדזערע מיטגלידער און פריינד
בכל מקום שהם***

תכלה שנה וקללותיה
תחל שנה וברכותיה

---

ציוניסטישער אַרבעטער פאַרבאַנד, יידיש צווייג

**טשענקין ווייסבערג, פּרעז.**

יום־טובדיקע גרוסן און ווונטשן
צו די שרייבערס, אַדמיניסטראַציע
און לייענערס פון ״חשבון״.
זאָלן אייערע הענט געשטאַרקט זיין
ביים פאַרשפרייטן
און פּאָפּוליאַריזירן די קולטור־אוצרות,
אָנגעזאַמלטע און געשאַפענע
אין יידישן לשון.

**שעלבי שאַפּיראָ**
בעטעסדאַ, מערילענד

**יידישע חבורה פון פּאַסיפיק פּאַליסיידס**
ווינטשט אַלעמען אַ געזונט און גליקלעך ניי יאָר,
עס זאָל זיין אַ יאָר פון שלום פאַר אַלע יידן.
לשנה טובה תכתבו.

**לי לעווענטאַל - סעק.**

שנת ברכה והצלחה צו אונדזערע פריינד און באַקאַנטע ושלום
על ישראל אין מדינת ישראל און איבער דער גאָרער וועלט

---

**הירש, טאָני**

**לײַנער,**
**שמחה און משפּחה**

---

**טאַלעראַנט, עמאַ**

**סילבער,**
**אַדעל און אײַזיק**

---

**בענדער, סיבעל**

**מײַזנער, לילקע**

---

**גאָנשאָר, חנהלע, אַניע**
**און הערשל לעדערהענדלער**
באַגריסן די לייענער און מיטאַרבעטער
פון "חשבון" צום נייעם יאָר און ווינטשן
דערפאָלג אין דער ווייטערדיקער אַרבעט

**קאַפּלאַן, רחל**

---

**לעווין, נח־חיים**
**סעקר. פון ייִדישע קלובן**
**אין פלאָרידע**

**לעווענטאַל,**
**לי און בעבע**

שנת ברכה והצלחה צו אונדזערע פריינד און באַקאַנטע ושלום
על ישראל אין מדינת ישראל און איבער דער גאָרער וועלט

---

**טאַמאַראַ, דזשאָיס**

**רייך, פנחס שיינדל**
**און פאַמיליע**

---

**קאָראַל, מרים**

**שאַפּיראָ, אהרן**

---

באַסנער, יעקב

בורסטאָן, הערשל

בייקער פאַמיליע, צדקה פאָנד

האַדאַ, זשאַנעט
און אַלען טאָבי

הענדלער, טרוים און פרענק

וועלטמאַן, פראַניע –
אין אָנדענק פון מיין שוועסטער

נאַכע שלאָסער

טשעסנין, פימאַ און רחל

חייט, משה דוד

זאַיאָנץ, מיכאל

לעווין, יעקב און רעגינע

לעווין, זשאַק און ען

מאַלעוויטש, פסח און זעלדע

מיימודעס, אויגוסט און רענאַ

פּראָפ׳ מאָסקאָוויטש,
שרה און איציק

מעלניק, משה און אַדינאַ

סאָסקי, יוסף און העלען

סטעמפּל, טינאַ

סימכאָוויטש, שמחה

עפּשטיין־פּראָלאָוו, לידיאַ

ד״ר פישמאַן, בערט און בעטי

ד״ר פישמאַן, שיקל און געלע

פלאָטקין, פינע און עטיל

פיילי, אהרון

קאַהן, גאָלדי

הרב קיעל, מרדכי

ריינהאָלץ, נחום און העניע

שווייצער, לאה

שייפער, בענסאָן און רענאַ

שקליאַר, משה און דאָרקע